STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10337

LIDER UN TFILES

Zvi Stock

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער און תפילות



לידער און תפילות

פון

צבי שטאָק

ניו יאָרק, נ. י. • תשל"ה — 1975

כ"ז למדינת ישראל

Copyright © 1975 by
ZVI STOCK
425 Neptune Avenue
Brooklyn, N. Y. 11224

געדרוקט ביי
ברידער שולזינגער

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS. INC.
21 East 4th Street, New York, N. Y. 10003

גewidmet

געווידמעט

מיין טייערער, אומפאַרגעסלעכער

הדסה'ן, נ״ע

מיט אייביקער ליבשאַפט

אינהאַלט

א. חלום און וואָר

לעבן מיינס 13
אַ אידישער טאָג 14
דער אייביקער טרויער 18
עס טוט זיי ביידע באַנג 19
ס'איז זיכער אפילו אַ טרקלין פאַראַן 20
ברוגז 21
דער חלום און די וואָר 23
רגע פון זיין 25
זעסטו אַ בלום בליען 26
שקיעה ביים ברעג ים 27
ביים וואַסערפאַל 28
אַ גוטע נאַכט, אַ גוט מאָרגן ! 29
ער זיצט אין די הימלען און לאַכט 30
צווישן טאָג און נאַכט 31
בלויע בענקשאַפט 32
אָ, גוטע מינוטן בלייבט אַ ביסעלע שטיין ! 33
כ'גיי־אום אין חלום 34
ביינאַכט — אינדערפרי 36
אַ פינצטערער טאָג וואָס איז געוואָרן ליכטיק 37
איינער אַליין צווישן יאָ און ניין 38

ב. צער און אומקום

אַ זעאונג 41
זע, גאָט ! 43
כ׳וועל דיר זינגען 44
און אין געטאָס קלאָגן אידן 45
שרעק אין חלום 46
„אַ גרוס דיר, בערלין !" 47
אַ זעקס מיט זעקס נולן 48
מלחמה 49
שטערנדל, מיין שטערן 50
מיין ליד איז געלעגן שטיל, פאַרשטומט 51
אַ קינה אויף מיין היים־שטעטל 54
מיין היים־שטאָט 55
אָ, גאָט, האָסט באַהאַלטן דיין פנים ! 56

ג. לזכרון

אַליין 59
צו די טויערן פון טרערן 60
„מילדי יום" — אַ מכתם, פון ר׳ אברהם אבן עזרא 61
בעריש וויינשטיין 62
על מות יעקב גלאַטשטיין 64
י. י. סיגאַל 65
אָ־האָ ! 67
מאַמע, מאַמע ! 68
די נאַכט קומט־אָן אין טרויער 70
„מאחורי הפרגוד" 72
ס׳באַגלייט מיך שטענדיק מיין מאַמע׳ס ניגון 75
כ׳געזעגן זיך מיט דיר, טאָג מיינער 77
כ׳זע אייך ערשט איצט 78
הכניסיני — נעם מיך אונטער דיינע פליגל 80

ד. צום אידישן אות

די הייליקייט פון די אידישע אותיות 83
צום אידישן אות — אַ געזאַנג 86
יעמוד הבחור הזעצער! 87
אַ דודעלע דעם יוד'עלע 88
ביי דער זאַץ־מאַשין 89

ה. חסידיש

תיקון חצות לר' נחמן מברצלוב 93
ס'שטייט ר' אורי'לע דער שרף און זאָגט. 95
אויס! נישטאָ מער די טשאָרטקאָווער קלויז! . . . 97
ס'איז אַ שיינער פאַרנאַכט 100
אַ מעשה־נורא וועגן קאָזשעניצער מגיד 102
ווי באַהעפט מען זיך אין דיר, גאָט? 107
ממעמקים 108

ו. פון דער מאַמע'ס סידור

נשמת 111
אֵל אָדון 115
ידיד נפש 117
אנעים זמירות 119
לכה דודי 122
יגדל 124
בריך שמיה 126
שפתי צדק — פון מעבר יבק, פרק יז 128

ז. אָנהייב פון גאולה

און די מעשה האָט נישט קיין סוף 133
אָ, מאָרגן דו, שטעלסט זיך אַוועק מיר אַנטקעגן 135

ווי שיין זיינען אויף די בערג !	136
אונדזערע מעפּילים גייען . . .	137
אַזוי איז דער נס פון גבורה געשען	139
אָ, זע ווי ס'האַלט אין איין וואַכן דיין וועכטער	140
אויפן עראָפּלאַן	141
און קיין ירושלים דיין שטאָט	143
רעפלעקס אין זכרון	144
ירושלים — די העכסטע שטאָט	146
צפת	149
חלום, אָ חלום !	152
פריע שקיעה	154
ער מוז קומען	156

א. חלום און וואר

לעבן מיינס

צו וואָס זאָל איך דיך פאַרגלייכן,
לעבן מיינס?
צו עפּעס וואָס צינדט זיך אָן,
פלאַקערט־אויף און לעשט זיך אוים —
און אוים!
צו אַ פייער, צו אַ פלאַם?
צי צו אַ בוך, וואָס בלעטערט זיך
טאָג־איין, טאָג־אוים,
פון דעם שער־בלאַט אָן
ביז'ן „תם ונשלם"?

צו וואָס זאָל איך דיך פאַרגלייכן,
לעבן מיינס?
צו אַ גראָז אין פעלד,
צו אַ בלאַט פון אַ בוים?
צו שטילע קלאַנגען
פון דינע זאַנגען, וואָס מ'הערט קוים?
צו אַ בלום, וואָס הויבט־זיך־אָן
מיט'ן בלי
אין אַ שיינעם פרילינג אינדערפרי?
דאַן וועלקט זי אָפּ, און וויאַנעט־אָפּ
אין דער אָסיענדיקער, האַרבסטיקער
קעלט —
און אוים מיט איר וועלט?

צו וואָס זאָל איך דיך פאַרגלייכן,
לעבן מיינס?
צו איינעם, וואָס לאָזט זיך אַרוים
אין טאָל אויף אַ באַרג,

א ריזיק־הויכן באַרג
זוכן דאָרט אָן אוצר?
און וואָס מער ער קלעטערט
און וואָס שווערער ס׳קומט אים אָן
צו שטייגן,
אַלץ ווייטער רוקט זיך דאָרט דער
אוצר אויבן
ביז ער גרייכט דעם שפּיץ
פון באַרג און פאַלט אַראָפּ אין
תהום, און אַלץ ליגט דערנאָך
צעשמעטערט?

ריזיק איז די מיסטעריע, לעבען מיינס,
אַרום דיין זיין!
כ׳קוק אין דיר ווי אין אַ שפּיגל אַריין.
און וואָס מער כ׳באַגרייף דיך
אַלץ ווייניקער קען איך
דיך פאַרשטיין — — —
כ׳כאַפּ זיך אָן אין דעם באַשעפער —
ע ר האָט אונדז געפורעמט.
אָן א י ם זענען מיר ביידע — אַליין.

אַ אידישער טאָג

והיה ראשיתך מצער ואחריתך ישגה מאד (איוב, ח׳־ז׳)

שחרית

דער מאָרגנשטערן האָט זיך נאָרוואָס אויסגעלאָשן,
ס׳איז אַ סומנע, צאַרטע שטילקייט.
ס׳שטעטל ליגט אין אַ טיפן טאָל, ממעמקים . . .
ס׳איז גאַנץ פרי, ס׳בלויט אין די פענצטער.
דער גאַנצער דרויסן איז איינגעהילט
אין אַ שחרית׳דיקן טלית שכולו תכלת . . .
ס׳איז קאַיאָר . . . דער אידישער אינדערפֿרי איז דער שענסטער.
בלוי, בלוי, הימל־בלוי.
דער „זעפיר״ האָט, אַ מילדער, אויפגעווייעט,
דער האָן אויף דער טונקעלער „פֿאַדווירע״
האָט שוין גאווה׳דיק באַוויזן זיין געטלעכע,
איבערנאַטירלעכע „הבחנה״, און מיט פרומער כוונה
„הנותן לשכוי בינה״ — האָט ער אויסגעקרייעט:
קו־קו־רי־קו ! קו־קו־רי־קו !
איך, אַ קינד, שטעל זיך ביים פענסטער צו ;
כ׳האָרך, כ׳פּאַרנעם, כ׳הער־זיך־צו.
פון נאָענטן בית־מדרש הערט זיך אַ קול,
אַ קול אין דער הויך : „הנותן ליעף כוח״ !

קליין איז דער ראַזעווער אָנהויב פון פרימאָרגן,
נאָר גרויס וועט זיין דער „אחרית״.
ס׳טאָגט אין שטעטל, אידן דאַוונען „שחרית״.

מנחה

אין ווען, אויב איר געדענקט, האַלטן מיר זיך אָן
אינדערפרי, שחרית-צייט, אין דער פרי פון אונדזער לעבן,
פון אונדזער נעמען און געבן, פון אונדזער שטרעבן?
אין טאַטן, אין פאָטער פון אונדזער פאָלק, אב-ר-הם!
„וישכם אברהם בבקר", און ע ר האָט זיך געפעדערט
אינדערפרי, און איז אַוועק אויף איינעם פון די בערג
און אין זיין קאָפּ האָט געקלונגען: „את בנך . . ."
און זיין זון, יצחק, וואָס האָט זוכה געווען מתקן צו זיין
אַ תפילה פאַר'ן מיטן טאָג פון אונדזער לעבן, האָט
מתקן געווען די בין-השמשות'דיקע תפילה — „מנחה".

איצט איז טאַקע שוין פאַרנאַכט, אַ ראָזעווע שקיעה,
און ס'שטייט דער שטעטלדיקער אידישער דרויסן
איינגעהילט אין חן, אין חסד, אין רצון און אין רחמים . . .
די זון-פאַסן פון גאָלדענעם ליכט שלאָגן-אָפּ זיך
אין די ווענט פון פעסטן אידישן מיקלט — דעם בית מדרש.
אידן, מיט גרוים כוונה, וואַשן די הענט אין „כיור".
צו זייער שלווה'דיק געמיט איז גאָר נישטאָ קיין שיעור.
ס'באָמבלט זיך אין קאָפּ: „קח נאָ את בנך!"
אַלץ און אַלע: דער דרויסן, דאָס שטעטל, די אידן,
אַלע דאַוונען מנחה.

מעריב

האָבן די שטיינער זיך אָנגעהויבן קריגן:
ד ע ר שטיין האָט געזאָגט: „אויף מ י ר זאָל לייגן
דער צדיק זיין קאָפּ, און י ע נ ע ר האָט געזאָגט:
„אויף מ י ר!" און די נאַכט האָט גענומען זינקען,
און ס'איז פינצטער געוואָרן, און יעקב אָבינו
האָט געזאָגט: „פון מיין טאַטנס תפילה, „מנחה",

איז באַקאַנט געוואָרן, אַז ס'איז דאָ אַ דין
און ס'איז דאָ אַ דיין! נאָר זע נאָר, ווי פּאַרכטיק
ס'איז אָט־דער פּלאַץ אָט־דאָ!
ס'איז בלויז אַ שפּאַן צווישן לעבן און גאָרנישט,
נאָר נישטאָ קיין פּחד, אפילו קיין האָר נישט.
אפשר מיינט עס צו זאָגן, אַז דאָרט וואו דער טויט איז דאָ,
דאָרט איז דער מענטש שוין נישטאָ? ס'איז נישט אַנדערש
נאָר דאָס איז דאָס הויז פון גאָט,
און דאָס איז דער טויער פון הימל!
און ער האָט אַזוי־אַרום מתקן געווען
די תפילה פון „מעריב", גאָט וואָס
טונקלט אוים דעם דרויסן און פאַראָווענט אים,
קאַטשעט אַוועק ס'ליכט פאַר דער פינצטערניש
און ס'פינצטערניש פאַר'ן אָנקום פון ליכט.
ס'איז נאַכטיק אין אידישן שטעטל,
ס'פינקלען־אָפּ די שטראַלן פון בית־מדרש ליכט.
רבונו־של־עולם, שיק אונדז אַוונטדיקע רו, באַרואיק אונדזער
אידיש געמיט, און זאָל זיין שלום דאָ אונטן, אויף דער ערד
אַזוי גוט ווי דאָרט־אויבן, אין דיינע הויכע הייכן,
שיק אונדז, גאָט, פון שלום און פון שלווה, דיין צייכן.
דאָ, אין שטעטל, נישט ווייט פון טייך נאַריוו —
שטייען אידן מיט גרוים כוונה און דאַווענען מעריב.

דער אייביקער טרויער

דער אייביקער טרויער, די ביטערע וואָר,
וואָס הויערט אויף אונדז שוין צוויי טויזנט יאָר,
וועט איצט מוזן אַוועק העט-ווייט, העט-ווייט,
וואָרים ס'גייט-אויף אַ ליכט פון גרוים באַטייט.

וואָרים אַלע וועלן זען, און באַנעמען און פאַרשטיין,
אַז אונדזער פאָלק איז קיינמאָל נישט געוועזן אַליין,
נאָר ע ר אַליין, גאָט, איז מיט אונדז געווען, איז און
וועט מיט אונדז אַלעמאָל זיין — — —
אין אַלע גלות'ן, עינויים, גירושים און פיין.

קיין שייטער און פייער האָט אונדז נישט פאַרברענט,
קיין שטורעם, קיין וואַסער האָט אונדז נישט פאַרלענדט.
מיר זיינען געווען, מיר זיינען דאָ און וועלן ווידער זיין
ביז גאָט וועט אונדז פירן אין אונדזער לאַנד אריין.

און איצט איז די צייט שוין נית ווייט, גאָר נישט ווייט,
גאָט מיט אונדז היילק זיין בונד האָט באַנייט.

עס טוט זיי ביידע באַנג...

עס האָט מסתמא געמוזט שטאַרק ברויזן און שטורעמען,
ווען גאָט האָט גענומען דעם מענטשן אויספורעמען;
וואָרים פון דעמאָלט-אָן, און ס'איז שוין זייער לאַנג —
טוט עס סיי אים, סיי דעם מענטש אויף דעם באַנג.
ער האָט געזען דאָס ליכט און געזאָגט: „כי טוב",

דו, „קרוין פון מיין באַשאַף", קוק צו מיר אַרויף,
לערן מיין תורה, האָב פאַר מיר מורא —
דו האָסט געהאַט אַן אָנהויב — וועסט אויך האָבן אַ סוף!

דער „יצר-טוב" איז אַזוי נישטיק, אַזוי שוואַך;
איין בלאָז פון „יצר-הרע", דורך אַן „עין-הרע"!
און דער מענטש בלייבט אָן אַ שטוב, אָן אַ דאַך;
אָן „עולם-הבא", אָן „עולם-הזה" — צוריק אין זיין נאַרע!...

עס האָט מסתמא געמוזט שטאַרק ברויזן און שטורעמען,
ווען גאָט האָט גענומען דעם מענטשן אויספורעמען;
וואָרים פון דעמאָלט-אָן, און ס'איז שוין זייער לאַנג —
טוט עס סיי אים, סיי דעם מענטש, אויף דעם באַנג.

ס׳איז זיכער אַפילו אַ „טרקלין״ פאַראַן...

ס׳איז זיכער אפילו אַ „טרקלין״ פאַראַן
אין ביליאַניקע ווייטן פון ספערן־געשפאַן.

דאָ־הי איז בלויז „פּרוזדור״, רגע פון זיין,
אַ טראַגישער שפּיל פון אַרויס־און־אַריין.

דאָס איז דער „נמשל״, — דער „משל״ — איז האַרבסט,
ווען דו, זומער, רייפסט־אָפּ און דו שטאַרבסט.

דאַן קומט דער פרילינג, דו לעבסט ווידער אויף,
דיין אָנהייב קומט־אָן ביי דיין סאַמע סוף.

ווער קען עס באַנעמען, ווער זעט עס, ווער ווייסט?
דאָך, — מיר האָבן נאָך אַן איין־איינציקע טרייסט:

באחרית־הימים, אין סוף פון די טעג,
דערגיין וועלן מיר אויך צו אַזאַ מין־סאָרט וועג.

ברוגז...

(העולם ים זועף, רב־מצולה, רחב־ידים
והזמן גשר רעוע, בנוי עליו...)
ר׳ ידעיה הפניני הבדרשי: „בחינת עולם״, פרק ח.

דיין וועלט איז שיין, אָ, גרויסער בורא!
דיינע דרכים — פול מיט סודות.
נישט איינמאָל כאַפּט מיך אָן אַ מורא
זיך צו הוידען אויף דיינע הוידעס.

ס׳דוכט זיך מיר, איך פאַל־אַראָפּ, העט־העט,
פון אַ ריזיק־הויכן בוידעם,
דערנאָך שטיי איך און זאָג „על חטא״
ביודעים ובלא יודעים.

אַז דו ביסט מילי־מיליאָסן ווייט,
פיל ווייטער פון די שטערן,
טאָ ווי־זשע קען איך פירן אַ שטרייט
מיט דיר — און ברוגז ווערן?

ס׳גאַנצע לעבן אויף דיין וועלט
איז אַן איינגעבראָכענע בריק,
וואָס ד ו האָסט קונציק אָוועקגעשטעלט
אויף צו גיין אַהין און — צוריק.

מיט אַזוי פיל יסורים און אַזוי ווייניק גליק,
זאָג איך: „צו וואָס־זשע טויג עס?״
און שפּאַנענדיק קונציק איבער דיין בריק
איז ווער איך צומאָל אויף דיר ברוגז.

נאָר ס׳גייט נישט אַוועק קיין איין מינוט,
כ׳בעט זיך גלייך מיט דיר איבער.
און ס׳ווערט אַזוי וואַרעם, און ליכטיק און גוט,
דו היטסט דאָך מיך אויס פון די גריבער.

די גריבער וואָס ליגן גרייט אונטער דער בריק,
אויף וועלכער מיר שפּאַנען און שפּאַנען,
אין טראַגישער בענקשאַפט און אַזוי ווייניק גליק,
איז מיר גוט כאָטש וואָס דו ביסט פאַראַנען.

אָן דיר זיינען אומהיימלעך אונדזערע שטיבער,
„בני אָדם יושבי חושך״ . . .
אָ, העלף מיר שפּאַנען איבער די גריבער,
כ׳האָב צרות אַ פולן קויש איך.

דיין וועלט איז שיין, אָ, גרויסער בורא!
דיינע דרכים פול מיט סודות.
נישט איינמאָל כאַפּט מיך אָן אַ מורא
זיך צו הוידען אויף דיינע הוידעס.

דער חלום און די וואָר

טראָפּ נאָך טראָפּ טריפט די נאַכט
און לאָזט אין רו נישט שלאָפן,
ס'האָט די בייזע וואָר פאַרטראַכט
דעם חלום צו באַשטראָפן.

גרילצט די וואָר מיט קול פון גריל:
„ס'הערט זיך עפּעס נייעס?"
ענטפערט חלום צאַרט און שטיל:
„ס'הוליען די הולטאַיעס!"

אַראַבער־האַס און קאַנגאַלעז
אין מיין קאָפּ זיך מישן,
און „רויטער בער" טאַנצט־אום נערוועז
אויף מיין פאַרטרערטן קישן.

און וואו אַ באַרג, און וואו אַ טאַל —
געיעג פון ווילדע חיות.
אין אינדאָכין און אין ישראל
גייט מען אויף לוויות.

טאָג־צו־טאָג זאָגט־אָן אַ זאָג,
און נאַכט־צו־נאַכט לאָזט וויסן,
דער דרויסן שעפּטשעט אין געקלאָג:
„גאָט'ס תורה ליגט צעריסן".

כ'זשמורע־איין און שעפּטשע־אוים
אין מידן, בייזן דרימל:
„ס'חיות ממש גייט מיר אוים,
וואו ביסטו, גאָט אין הימל?"

פלוצים הער איך אין דער נאַכט
אַ קול דממה דקה —
„ישראל סבא האָט דערוואַכט
און זאָגט אַ תפילה זכה:

„אָ, גאָט, זאָג-אָן די בשורה שוין,
דעם אָנקום פון פרימאָרגן.
זאָל דער שלום זיין דער לוין
פאַר אונדזער צער און זאָרגן”.

כ׳עפן האַלב די אויגן אויף,
כ׳הער אַ קול דממה:
„צו אַלע ליידן ס׳איז אַ סוף —
געענדיקט די מלחמה!”

ס׳איז שלום, שלום אויף דער וועלט,
ס׳האָט אַ סוף גענומען;
ס׳טראָגט זיך אום אַ קול וואָס קוועלט:
„משיח איז געקומען!”

איך כאַפּ זיך אויף, כ׳קוק-אַריין
טיף דער נאַכט אין פנים,
ס׳איז פינצטער, אָן אַ טראָפּן שיין,
אַנטקעגן מיר — די שונאים.

טראָפּ נאָך טראָפּ טריפט די נאַכט
און לאָזט אין רו נישט שלאָפן,
ס׳האָט די בייזע וואָר פאַרטראַכט
דעם חלום צו באַשטראָפן.

רגע פון זיין...

דער אייביקער טרויער פון ביטערער וואָר —
ער וואוינט מיט'ן מענטשן שוין טויזענטער יאָר.
ער נערט זיך פון עלנט, און דלות און נויט,
און שוועבט־אום אין חלל פון לעבן און טויט.

ער קומט אומגעבעטן און שטייט אויף דער שוועל,
און ס'פלאָטערט אַ בענקשאַפט און מאַטערט די זעל.
דער אייביקער טרויער פון ביטערער וואָר —
ווי טרויעריק זיין ניגון איז אין יעטוועדן דור.

אַלע פרימאָרגן, ווען די זון גייט נאָר אויף,
און מענטש קוקט נאָך חסד צום הימל אַרויף,
קומט ער, דער טרויער פון ביטערער וואָר
און נעמט אים אַריין אין זיין אומעטיק כאָר.

ס'איז אַ צאַל, אַ וואָג, אַ מאָס און אַ פּלאַן,
אין געקנויל פונ'ם מענטשלעכן דאָ־זיין פּאַראַן,
וואָס לאָזן נישט באַפאַרבן מיט ראָזעווער פאַרב
דאָס ביסעלע חדווה פון מענטשלעכער אַרב;

וואָס ווינקען מיט ניכטערע אויגן דעם וואונק
און זויגן וואַמפּיריש דעם געטלעכן פונק,
און נאָגן און פּלאָגן די זעל יעדע שעה
און שרייען פון ביליאָניקן ווייטן ניט־דאָ:

פאַרגעס ניט, געבונדענער, דו ביסט נישט פריי!
בעל־כרחך אתה נולד, בעל־כרחך אתה חי!

און אויב ס'איז אַפילו אַ „טרקלין" פאַראַן
אין ביליאָניקע ווייטן פון ספערן־געשפּאַן,
דאָ־הי איז בלויז „פּרוזדור" און רגע פון זיין,
אַ טראַגישער שפּיל פון אַרויס־און־אַריין.

זעסטו אַ בלום בליען

גייסטו אַרויס אין אַ גאָרטן סוף־פרילינג —
און זעסט מיט דיינע אייגענע אויגן אַ בלום בליען.
גיי־צו נענטער, ווער מיט איר איינס — אַ צווילינג,
דיין האַרץ מוז צו דער שיינער בלום זיך ציען.

די זון שיינט, די לאַנקע ז׳שטיל, פייגעלעך זינגען;
צעוואָרף פון דיין שווערן לעבנס־עול די קייטן־רינגען,

זיי זיך מתייחד מיט גאָט׳ס דופטיקן אָטעם און גענוג!
פלוצים באַווייזט זיך אַ כמאַרע, אַ בייז געוויטער, אַ צוג.
די בלום הייבט־אָן זיך אין תפילה באַוועגן.

דיין האַרץ הייבט־אָן אין אנגסטן זיך רעגן —
דער בייזער שטורעם האָט אַזוי לאַנג געשמיסן
ביז ער האָט די שיינע בלום אַרויסגעריסן!

דער „נמשל" ביסטו אַליין, אָרעמער מענטש!
איצט, דאַוון־אָפּ, עס־אָפּ און בענטש!
וואָרים גאָט׳ס מעשים זיינען פון אונדז פאַרהוילן,
פון זיין שטנ׳ס סאַדיזם ווייעט אָפט מיט בייזע גרוילן.

שקיעה ביים ברעג ים

פתח לנו שער... (פון תפילת נעילה)

אפילו זי, די ראָזעווע שקיעה,
איז נישט בכוח אויסצוהאַמעווען
אַ טיפערע, סודות׳פולערע שטילקייט
ווי די, וואָס כ׳זע אַצינד.
גוט, וואָס כ׳בין זוכה זי צו הערן.
אַ שאָד, וואָס ס׳מוז נאָך
טונקעלער ווערן,
איידער ס׳גייען אויף די שטערן.

ס׳שטאַרבט אַ טאָג!
דער מערב צינדט זיך אין
קאָלירקער סימפאָניע.
ס׳דוכט זיך — ער אַליין
דאָרט אויבן, האַלט די גאַנצע
וועלט אין זיין דלאָניע.

פון זיינע ווינט־אוצרות שיקט ער אָן
אַ ליבלעך־קילן זעפיר,
און ס׳רחמים׳ט דאָ פון עק צו עק.
דער שטילער פאַרנאַכט
אין פורפור־רויטן קלייד,
פון ווייטע הימל־זוימען,
שושקעט מיר אין שקיעה־אויער:
„בין־השמשות עפנט זיך אַזוי
אַ שטילער תפילה־טויער״.

ביים וואַסערפאַל

צעגליטע זון, אין פייער פון דיין אייגענעם זשאַר,
אַט שטיי איך דאָ ביים וואַסערפאַל,
וואו עס טובל'ט זיך דיין שטראַל ;
אין אַ וועלט פאַרשטומט פון צער,
ווען „כל דאַלים גבר" איז גזר.

ווי קענסטו-זשע גלייכצייטיק שיינען
און שפיגלען אין וואַסער דיין פנים,
ווען ליד ווערט איצט קינה פון שוואַנען,
און מענטש אונטער קנוט פון טיראַנען
פאַרגייט זיך אין צאַפּל פון פּיינען,

איז גוט דיר, איז רעכט דיר אויך אָן אים ? !
אָ, זון, ווי קענסטו איצט גלייכגילטיק שיינען ? !

און דו, לבנה, זיי דו מיין בלאַסער שיין
אין אַ וועלט וואָס פינצטערט איצט אין פּיין,
אין העלישן געראַנגל פאַר'ן מענטשלעכן זיין !

אָ, שטערן איר שטילע,
צי הערט איר מיין תפילה
אין די טונקל-פאַרפינצטערטע נעכט
פון בלוטיקן מענטשן-געפעכט ? !

קומט מיט מיר אויף פאַרעלנטע וועגן,
וואו אונטער דער מאַסע
פון שווערע האַרמאַטן
עס ליגן באַגראָבן דער זון מיט'ן טאַטן.

אַ גוטע נאַכט, אַ גוט מאָרגן!...

ניִשט איינמאָל דוכט מיר כ׳בין שטיין געבליבן —
טיר און טויער פאַרמאַכט,
אין דעם ליד וואָס כ׳האָב אָקאָרשט אָנגעשריבן
ווילט זיך זאָגן דער וועלט: „אַ גוטע נאַכט!״

אַ גוטע נאַכט? צו וועמען?
נישטאָ צו וועמען צו זאָגן.
מעגסט זיך, דיכטער שעמען!
ס׳הויבט דאָך אָן צו טאָגן!

נישטאָ ביי אידן קיין סוף!
עם ישראל חי!
אַז מ׳ענדיקט פון אַלף ביז תיו,
הייבט מען אָן אויפסניי!

טאָ וואַרף אַוועק די זאָרגן,
דעם גלות פון אַמאָל,
אַ גוט מאָרגן דיר, גוט מאָרגן!
מיין פאָלק, מיין לאַנד, ישראל.

אַ גוט מאָרגן דיר, שכן,
ווער דו זאָלסט נישט זיין.
דער כתר פון נצחון
שיינט אין טאָג אריין.

ס׳גייט־אויף אַ נייע מערכה,
צי־אַרויף די בלוי־ווייסע פאָן!
ווען מ׳ענדיקט „וזאת־הברכה״,
הייבט מען פון „בראשית״ אָן.

ער זיצט אין די הימלען און לאַכט

יושב בשמים ישחק... (תהלים, ב׳־ד׳)

ער זיצט אין די הימלען און לאַכט
פון אינדערפרי ביז שפּעט אויפדערנאַכט;
דורכ׳ן שטנ׳ם אויסגעשטשירעטע ציין,
דעם יצר־הרע׳ס געביין.

ער לאַכט פון דער „קרוין פון זיין באַשאַף״,
ער קוקט אויף זיין ווערק מיט פאַרגאַף;
אַז אַלע זיינע זיבעציק־אַכציק יאָר
זיינען בלויז אַ חלום, ניט קיין וואָר.

דאָ פליען זיי אויף גיך אין קאַמף פאַר׳ן ברויט,
אָט קריכן זיי פּאַוואָליע אין קרענק און אין נויט.
און איידער מ׳טוט זיך אַ ריר צי אַ קער —
אהאַ! שוין נישטאָ! אַוועק! און נישט מער!
און ע ר, דאָרט זיצט אין די הימלען און לאַכט
פון גאַנץ אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט...

צווישן טאָג און נאַכט

(בין השמשות כהרף עין, שבת, ל״ד)

די לבנה איז אַרוים קאַסאָקע, ווי אַן אָסיען-בלאַט, פאַרגעלט
און איז שטיין געבליבן מאַט איבער גאָט׳ס פאַרלאָזטער וועלט.

עס איז געווען צאַרטע שטילקייט, אָפּשייד פון אַ פרילינג-טאָג
וואָס האָט אין אומעטיקער מילדקייט, אַן אַ וואָרט און אָן אַ זאָג
מיט שטאַרע שאָטנס האַנט אין האַנט, פאַמעלעך זיך אַוועקגעשפּאַנט.

עס האָבן זיך געראַנגלט ליכט און שאָטן, ווי אין ווילדן טאַנץ
פון האָטנטאָטן, טאָג איז פאַר׳ן אַנקום פון דער נאַכט,
אין טונקל-רויטער שקיעה-פּראַכט, פאַמעלעך אָפּגעטראָטן.

און אין דעמערונג פון צווישן טאָג און נאַכט
האָט מלחמה-שטן בייז און פרעך אַריינגעלאַכט.

און סודות׳דיק אַ קלאַנג אין אויער,
איינגעהילט אין שקיעה, גרויער, האָט אין שאָרך פון קול דממה
מיר אַריינגעהויכט :   נ ק מ ה !

און בין-השמשות, וואָס באַשטייט פון איין איינציקן אויגנבליק,
האָט געשעפּטשעט מיר מיט פרייד : מיר שטייען ביי דעם ראַנד פון זיג.

בלויע בענקשאַפט

די הימלען נויגן זיך צו דער ערד אַראָפּ,
ס'קוקט אויס, ווי זיי קושן זיך צונויף.
כ'זיץ און גאַף, און לאָז אַרונטער מיין קאָפּ
אין בלויער בענקשאַפט קוקן די אויגן אַרויף.

בלוי איז דער הימל, בלוי איז מיר אין מיין געביין.
דער גורל האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל
און מיך געלאָזן איינינקער אַליין.

מיינע קינדער־יאָרן, די יוגנט־יאָרן,
ביידע שטייען מיר אַנטקעגן מיט געוויין —
„לא טוב היות האָדם לבדו" —
ניט גוט צו בלייבן איינינקער אַליין.

הייב איך אָן צו זינגען,
די בלויע בענקשאַפט זינגט מיט מיר מיט,
כ'זוך אַ טרייסט צו מיין עלנטקייט, אַליינקייט,
אפשר ט'עמיץ קומען מיך טרייסטן?
נאָר קיינער קומט ניט, קיינער קומט ניט!

זיץ איך אַליין מיט מיין בלויער בענקשאַפט
און טראַכט, ווי קען עס אַוועק אַ טאָג
און זיך אויספינצטערן אַזאַ עלנטע נאַכט,
ווען קיינער קומט ניט צו מיר צוגיין
און כ'זיץ און כ'וואַך איינינקער אַליין.

אָ, גוטע מינוטן, בלייבט אַ ביסעלע שטיין!

אָ, גוטע מינוטן, איר קומט צו מיר אַזוי זעלטן,
און קומט איר, צעעפנט איר זיסע, פריידיקע וועלטן;
איז וואָס־זשע מיט אייך דער געאייל?
טאָ זייט־זשע מיט מיר כאָטש אַ ווייל!

ווען כ׳בלייב פאַרנאַכט אין הויז אַליין
קומען די איינזאַמקייט און טרויער צוגיין.
אָ, זיסע, פריידיקע מינוטן,
בלייבט אַ ביסעלע שטיין!

— מיר קענען ניט בלייבן דאָ לאַנג,
מיר מוזן גיין אונדזער גאַנג.
מיר זענען נישט סתם קיין דרויב,
מיר זענען פון שטערן דער שטויב.

מיר טוקן זיך אין אייביקן פאַרגיין
און אין אייביקן ווידער ווערן.
מיר קומען פון זייער ווייט, נאָך ווייטער
פון די שטערן —

מיר זענען קינדער פון אמת׳ער ליבע,
נישטאָ פאַר אונדז קיין מינוטן קיין טריבע.
בלויז איין זאַך מיר לאָזן דיר איבער:
דיין אַליין־זיין צו שפּרייזן אַריבער,
דיין עלנטקייט צו קענען באַזינגן
ס׳אַליין־זיין דורך אַ אידישן ניגון.

כ׳גיי־אום אין חלום

בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים...
(תהלים, קכ״ו־א׳)

— שלום עליכם, עליכם שלום!
— וואוהין גייסטו?
— איך גיי אַרום און כ׳חלום.
— וואָס חלומסטו אין מיטן העלן טאָג?
דערהער איך אַן עכאָ גיט אַ זינג און אַ זאָג:
אַז גאָט וועט אומקערן די אומקערונג
פון ציון — וועלן מיר נישט פאָרן אַהין, נאָר פליען.

אונדזער מויל וועט ווערן פול מיט געלעכטער,
אונדזער געלעכטער וואָס אַמאָל עכטער און גערעכטער.
ווען מיר׳ן אַרויס פון גלות־געפאַנג,
וועט אונדזער מויל ווערן פול מיט געזאַנג.
גיי איך איצט אום און כ׳חלום און חלום
כ׳גלוסט און כ׳בענק נאָך אַן אמת׳ן שלום.

ואשא אתכם על כנפי נשרים!
פון מזרח, פון מערב, פון צפון, פון דרום
וועל איך אייך טראָגן אויף אָדלער־פליגל,
ביז איר וועט אויסקושן איטלעכן ציגל
פון דער מערב־וואַנט וואָס איז פאַרבליבן
פון אידישע בלוטיקע טרערן באַשריבן.
און איצט ווערט מקויים די הייליקע נבואה,
ס׳קומט־אָן די גאולה, ס׳קומט די ישועה.

שוין צייט, אַז די אייניקלעך פון פעטער ישמעאל
זאָלן אויסשטרעקן אַ האַנט צום פאָלק ישראל

און זאָגן: געננוג! שוין צוויי טויזנט יאָר
געווען ברוגז מיט אייגענע איבער גאָרנישט, אַ האָר!
שוין צייט זיי זאָלן זאָגן: „זאָל זיין מיט גליק!
געננוג געווען ברוגז, מיר זיינען חבר צוריק!"

נאָר דאָ קומט דער „בער" און טאַנצט־אום „בעריש",
ווי המן און זיינע צען זיהן, און זיין ווייב, זרש,
שעפּשעט ער ווי אַ שלאַנג צו די אייניקלעך פון ישמעאל:
„איר טאָרט נישט דערלאָזן קיין מדינת ישראל!"

און זיי מיינען באמת, אַז דער „בער" קאָן טאַנצן,
און זיי זעען נישט איין, אַז דער „בער" פאַרשטעלט
דעם וועג פון שלום פאַר דער גאַנצער וועלט.
אָ, ריכט אונדז, גאָט, אויף, פון זייער בײדנס געפאַנג,
אַז מיר, וואָס זייען מיט טרערן, זאָלן שניידן מיט געזאַנג.

ביינאַכט — אינדערפרי

וואוהין טראָגסטו מיך אַוועק אינמיטן דער נאַכט,
מיין אומרואיק געמיט?
אין פלעצער פון שרעק, אין „לילית׳ טראַכט״,
אין „גאָט באַהיט״?

דו שליידערסט אַרום מיין געביין
און שפינסט אַ קאָשמאַר אין געוואָי פונ׳ם ווינט,
און איך, דער האַר פון לידן מיין ליד,
ווער שיער נישט בלינד און איך וויין.

אין קישן באַהאַלט איך מיין פנים און כ׳שריי,
זאָל מיך עמיץ דערהערן
דער זייגער ווייזט אויף דער וואַנט שוין דריי,
ס׳ווערן פינצטער די שטערן.

איך פאַל אַריין אין אַ טיפער שרעק:
וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן?
ס׳ציט אַוועק אין אַליינקייט די נאַכט
און אַלץ וואָס מיר בלייבט זיינען זאָרגן.

כ׳אַנטלויף פון פינצטערן רעיון,
קיינער הערט נישט מיין ווייסט געוויין,
ס׳העלפט מיר נישט קיין שרייען,
כ׳שריי צו זיך אַליין.

כ׳זשמורע איין און כ׳זאָג צו זיך:
„כ׳וויל שוין נישט זיין דאַ־הי״.
בייזער דמיון ציט־אָפּ מיט דער נאַכט,
ס׳ווערט פלוצים אינדערפרי.

אַ פינצטערער טאָג וואָס איז געוואָרן ליכטיק

ס׳איז אינמיטן העלן טאָג,
נאָר דער דרויסן האָט פלוצים געביטן זיין פנים —
ס׳דונערט, ס׳בליצט, ס׳קראַכט
ווי פון האַרמאַטן.
ס׳איז אינמיטן העלן טאָג געוואָרן פלוצים נאַכט.
כ׳זוך מיין מאַמען, כ׳זוך מיין טאַטן
און כ׳זע בלויז בייזע יוונים.

גאָט האָט געלאָזן דעם דרויסן אַליין,
זיין פנים פון מיר באַהאַלטן.
ס׳איז געבליבן איוב׳ס שטן אין אים,
און איצט טוט ער שאַלטן און וואַלטן.

כ׳זיץ אַליין, כ׳וויין און כ׳טראַכט:
ווי קען עס אינמיטן טאָג ווערן נאַכט?
נאָר פלוצים דערשיינט דיין ליכטיק געשטאַלט — — —
כ׳גלויב נישט, איך שעם זיך, מיין פנים כ׳באַהאַלט.
נאָר דו נעמסט מיך אַרום און זאָגסט איידל און צאַרט — — —
„כ׳בין דאָ לעבן דיר, האָסט זיך דערוואַרט און דערהאַרט״ . . .
— איצט טאָרסטו נישט זיין פאַרטראַכט און פאַרצווייפלט,
דער שטורעם ט׳אַריבער —
אונדזער פרייד ט׳זיין גע׳כפל׳ט.

און פון דעמאָלט־אָן, ס׳איז שוין יאָרן און יאָרן — — —
בין איך עפעס אַן אַנדער מענטש גאָר געוואָרן.
מעג זיך צומאָל מאַכן אינמיטן טאָג — נאַכט — — —
טיר און טויער מעגן זיין צוגעמאַכט,
נאָר אונדז ביידע איז ליכטיק, און וואַרעם און פריילעך —
דאָס אַלץ אין פרייד און אין חדווה דערצייל איך.

איינער אַליין צווישן יאָ און ניין

„יש", ס'איז דאָ אַ מאָמענט
פון „דאָ" — — — —
„אין", אַן אייביקייט
פון „נישטאָ" — — — —
אַט־דאָ און אַט־אויס!
פונוואַנען קומט דער
שטויס? — — —
כ'מיין, צום „זיין" און „נישט־ווערן",
צו וועמען טוט ער געהערן?
דער־אַ מאַכטיקער
דינאַמישער שטויס:
„אַריין" און „אַרויס"?
אַרויס פון דער וואַרעם,
אַריין אין דער קעלט —

ס'נישט אַנדערש, נאָר אימיצער
אַן איבערנאַטירלעכער גיגאַנט
מיט אַ פעסטער, מעכטיקער האַנט
פירט אַ שפּיל אַזאַ, צי אַ געראַנגל
צווישן „דאָ" און „נישטאָ",
און קיינער זיגט נישט קיינמאָל . . .

ס'וואָלט זיך געוואָלט כאָטשבי איין מאָל, איין מאָל
דאָרט כאַפּן אַ בליק ביים לעבן
פון ערגעץ־וואו זייטיק,
פון ערגעץ־וואו אויבן — — —
זענען אָבער פאַרהויכט און פאַרשמירט די שויבן —
און יעדער איינער מוז טראַכטן אַליין,
אַז מיר אַלע שוועבן
צווישן „יאָ" און „ניין".

ב. צער און אומקום

אַ זעאונג

כ'האָב אַ זעאונג אָט־אַזאַ
געהאַט אין פיפטן יאָר, תש"ה:

פרילינג קומט פון אומעט־אום —
מיט שפּראָץ פון גראָז,
מיט בלי פון בלום;
ער גרינט מיט פיבערדיקן בליט;
מיט רויט־באַפּלעקטן ווייסן צוויט . . .

און אין איד פרילינגט ניט,
ס'טוט פון צייט צו צייט אַ שניט
אויף פרילינג'ס אָנקום אינדערמיט
מיט רויט־באַפּלעקטן ווייסן צוויט . . .

איך האָב אַ זעאונג אָט־אַזאַ
געהאַט אין פיפטן יאָר תש"ה:
מיט פייגל־צווּיטשער און געזאַנג
שלאָגט דער פרילינג אויף־דאָס־ניי; —
גאָט, אָ, גאָט, כ'בין קראַנק, קראַנק!
מיין האַרץ פאַרנעמט נישט קיין געזאַנג.

אַז פון צוויט באַפּלעקט מיט רויטן
ווייעט מיט מיליאָנען טויטן;
אַז פון אידישע לעבנס פאַרשניטן
בליען איצט די פרילינג־צוויטן . . .

און עס איז נישט צו באַנעמען
פרילינג'ס אָנקום אין־דער־מיטן
פון מיליאָנען קידוש־השם'ען
און פון אידישע לעבנס פאַרשניטן . . .

דער שונא האָט אין וואלד, אין פעלד
מיט זיין בייזן בלוט, צעקאַכטן,
גאָט אנטקעגן זיך געשטעלט
און אונדזערע קינדער אויסגעשאָכטן.

אין מזרח, מערב, צפון, דרום
גייט דער פרילינג אויף מיט צוויט
אויף מיליאָנען ברידער־קברים —
און ס׳פרילינגט טרויעריק אין מיר דער איד . . .

זע, גאָט!

(אַ תפילה)

זע, גאָט, וואָס פון אונדז איז געוואָרן,
אַ הערד פון פאַרבלאָנדזשעטע שאָף;
און ס'נעמט נישט קיין סוף צו דיין צאָרן,
ס'נעמט נישט קיין סוף צו דיין שטראָף!

דו האָסט דאָך אַמאָל אונדז געשוואָרן:
„צו מבולם עס מוז נעמען אַ סוף!"
איצט זע וואָס פון דיין פאָלק איז געוואָרן,
אונדזער בלוט שרייט צום הימל אַרויף.

די תיבה — זי האַלט אין איין שווימען
און טראָגט זיך דורך שטורעם אָן ענד;
ס'הערן זיך פון געוויינען די שטימען:
„מיר ווערן פון מבול פאַרלענדט!"

די וועלט ווערט פאַרפייניקט, פאַר'צרה'ט
פון מבול וואָס יאָגט זיך פאַרשייט;
ווי אַמאָל אויף די בערג פון אררט —
אין רו פאַרוויג די תיבה — ס'שוין צייט.

שיק אונדז, גאָט, דיין פאַסטוך געטרייעם,
און לייז אונדז שוין אויס, ווי אַמאָל
פון פרעה'ן אין דעם לאַנד מצרים,
אַ זכר (זעיכער) פאַר דיין פאָלק ישראל.

שיק אונדז דיין פאַסטוך געטרייעם,
פון ברענענדיקן מידבר פיר אונדז אַרויס;
און פיר אונדז אין לאַנד אין דיין נייעם;
ריכט-אויף, גאָט, פאַר ישראל דיין הויז . . . !

כ׳וועל דיר זינגען

אָשירה נא... (ישעיה, ה׳־א׳)

כ׳וועל דיר זינגען אַ לידל, ר׳ יידל —
אַ לידל, אַ ניגון אָן ווערטער.
מ׳פלעגט עס אָפט אַמאָל זינגען
אין אונדזערע היימישע ערטער.

כ׳וועל דיר זינגען אַ לידל, ר׳ יידל —
אַ פשוט לידל, אָן פשט׳לעך.
מ׳פלעגט עס אָפט אַמאָל זינגען
אין אונדזערע היימישע שטעטלעך.

אַ־האַ! אַ־האַ! אַ־האַ!
די זינגערס — מער נישטאָ.
אַ־האַ! אַ־האַ! אַ־האַ!
קיין שטעטלעך — אויך נישטאָ.

ס׳איז טרויעריק דער ניגון —
אומעטיק דאָס ליד;
וואָס האַלט איצט אין פאַרוויגן
מיין יידיש געמיט.

און אין געטאָס קלאָגן יידן...

ווי קען איך ליגן איצט אין רו, און שטיל אויף מיין געלעגער,
ווען דער חלום וועבט פאַר מיר בלויז שוואַרצע ליכט און פגר?
מיט שטילע טריט ער פאָלגט מיר נאָך ווי דעם הירש דער יעגער.

ווען פינצטער איז דער היינט-צו-טאָג און אומעטיק דער נעכטן,
דער גולם שפּאַנט פאַרוויסטנדיק מנוול און גערעכטן;
דער שוחט שעכט, ער בלייבט גערעכט, און טוט אַלץ ווייטער שעכטן.

עס שטיקט מיך נאָך דער ווי-געשריי פון ערשטער וועלט-מלחמה;
איך וואָלט ווי שמשון אָננעמען די זיילן פון נקמה;
אָ, שטאַרקער גאָט, אין שעה פון גענאָד, באַרואיק מיין נשמה.

און מהר״ל מפּראָג, ער זאָל אַ גוטן זכות אונדז טראָגן,
האָט פון טיפן צירוף-סוד קיין וואָרט ניט געטאָן אונדז זאָגן;
שטעכן שטערן ווי מיט שפּיזן אין געטאָ-ווענט וואָס קלאָגן.

איז פריי דער גולם, קראַכט און לאַכט, זיין מויל און אויגן אָפן,
עס איז די טומאה פון דעם שטן אונדז דעם וועג פאַרלאָפן;
און אין געטאָס קלאָגן אידן, וויינען, בענקען, האָפן.

שרעק אין חלום

צעפּאַטלטע נאַכט.
דער מולד, אַ דינער, אויסגעקרימטער האָרן.
אויף אַלע פּוסטע וועלדער געזאָגט געוואָרן.

פּורפּור-בלויע, גרינע פּראַכט
נידערט על כל היקום.
ס'איז אומעטיק אומעטום.

שלאָפלאָז, שלווה'לאָז.
מענטש — אַ דערשראָקענער האָז.
טויאיק טרערט ס'גרינע גראָז.
האָרבסטיק פאַלט ס'בלאַט
פון גאָלדיק-זשאַווער בוים.
די וועלט איז מיד און מאַט,
מלחמה זינקט אַריין אין טרוים.

אַלע שרייען: שלום!
און איך — אין שלאָף,
צי אויף דער וואָר —
כ'זע דיך קלאָר,
אַטאָם-באָם-בחלום . . .

„אַ גרוס דיר, בערלין!"

נעם־אָן מיין גרוס, מיין מיטלייד־שיר,
דו שיינע שטאָט, בערלין,
וואָס איך שיק אַצינד צו דיר
פון דאַנען אַזש אַהין.

איך האָב געהערט —
דו ווערסט צעשטערט
פון באָמבעס נאָכאַנאַנד;
אַז ענדלעך האָט געהויבן גאָט
אויף דיר זיין שטאַרקע האַנט.

פאַר דעם וואָס דו געשפּרייט האָסט טויט
מיט שווערד און קרייצנהאַק;
פאַרוויסט ליגט איצט אין מיסט און קויט
דיין העפלעך „גוטער טאָג!" . . .

זאָל אַלע נאַכט דיין שוואַרצע מאַכט
פאַרגיין זיך אין אַ בראַנד;
ענדלעך האָט געהויבן זיך
אויף דיר גאָט'ס שטאַרקע האַנט.

צבי שטאָק

אַ זעקס מיט זעקס נולן...

אַ זעקס מיט זעקס נולן, אַ שבעה׳דיקער, אָבל׳דיקער ציפער —
און דער מאַרטירערישער וואַנדער-וועג ווערט אַלץ שמאָלער, שיפּער.
אַלץ וואָס איז אונדז פאַרבליבן פונ׳ם נאַצי-הון דעם דולן
איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ זעקס מיט זעקס נולן.

אַ זעקס מיט זעקס נולן; ווי אומעטיק, און שוואַרץ און גרוי,
זעקס מיליאָן נשמות זוכן זייער תיקון אויפ׳ן עולם-התוהו,
זיי האָבן ממעמקים געגרופן גאָט, מן המיצר, פון גרויליקן קלעם,
די זעקס מיליאָן פאַרלאָשענע לעבנס — על קידוש השם.

אַ זעקס מיט זעקס נולן אין טאַטואירטן אידן-לייב,
די בלוטיקע פאַרב פון אונדזער אידיש-עלנטן פאַרבלייב;
עס וועט בלייבן אַ קין-צייכן אין פּנים פון דער אייביקייט
כל-זמן ס׳וועט זיין אַ וועלט מיט מענטשן און מיט גלייביקייט.

אַ זעקס מיט זעקס נולן וועט איבערגיין פון דור צו דור
און דערציילן די אימה׳דיקע מגילת-איכה, געשען אויף דער וואָר,
אַז אַלץ וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון דעם נאַצי-הון דעם דולן
איז אַ פלאַמיקע מצבה פון אַ זעקס מיט זעקס נולן.

אַ זעקס מיט זעקס נולן איז אונדזער פאָלק פאַרבליבן,
דער שבעה׳דיקער ציפער וועט אייביק שטיין פאַרשריבן
אויפ׳ן מאַרטירערישן וואַנדער-וועג וואָס ווערט שיפּער, שמאָליק;
מיר׳ן דיך געדענקען, דו קין-היטלער, ווי דעם אַמאָליקן עמלק!

אַ זעקס מיט זעקס נולן; און כל-זמן ס׳איז נאָך באַשערט,
אַז ס׳זאָל זיך דרייען אויף זיין אַקס דער קיילעך פון דער ערד,
וועט בלייבן אָט-דער קין-צייכן אויף דיין פּנים,
דו רציחה׳דיקע עשיו-וועלט!
ביז ס׳וועט דיך גובר זיין די שטילע שיין פון צדק (צעדעק)
וואָס שיינט אין יעקב׳ס געצעלט.

מלחמה

ווער קען איצטער דיכטן און לידער איצט זינגען,
פון ליבשאַפט און שיינקייט די טענער אויסקלינגען;
ווען בלוט־רויטער מאַרס האָט זיך העליש צעצונדן,
און קדושה פון מענטש ליגט אין קייטן געבונדן?!

אַז מאָנסטער־מלחמה וואָס האַלט אין איין שפּאַנען,
שפּרייזט טעמפּ איבער ערד, איבער לופט, אָקעאַנען —
און שוינט ניט קיין קינדער, קיין מאַמעס, קיין טאַטעס;
קיין טורעמס, פּאַלאַצן, קיין אָרעמע כאַטעס?!

ס'קומט־אום גאָט'ס באַשאַף איצט אין פלאַמען פון שנאה,
און ס'וויינט אין מסתרים מיין זעל מיט דער שכינה;
פאַרוואָר, די אייגענע הענט וועלכע גרייטן איצט וואָפן,
האָבן זיי ניט בשוגג דעם מאָנסטער באַשאַפן?!

ווען פאַר אייגענע אויגן שוין שפּילט זיך די סצענע,
ס'פּינצטערט שוין שטאָט און ס'קלאָגט די סירענע,
און ס'שרעקן זיך קינדער, ס'גרייט זיך דער עולם,
צי שפּאַנט אויך ביי אונדזערע ברעגעס דער גולם?!

אויף שלאַכטפעלד ס'האַלט די שווארצע קראָ אין איין רופן;
פאַרזייט ליגן פעלדער מיט מענטשלעכע גופן;
און וואָס עס וועט קומען, דאָס ווייסט נאָך ניט קיינער;
צי פעלדער מיט זאַנגען, צי טאָלן מיט ביינער?!

ווער קען־זשע איצט דיכטן און לידער איצט זינגען,
פון ליבשאַפט און שיינקייט די טענער אויסקלינגען;
ווען בונט־רויטער מאַרס האָט זיך העליש צעצונדן —
און קדושה פון מענטש ליגט אין קייטן געבונדן?!

שטערנדל, מיין שטערן

שטערנדל, מיין שטערן, וואָס קומסטו מיר איצט זאָגן,
איז שוואַרצע נאַכט שוין נאָכאַמאָל פאַרגאַנגען זיך אין טראָגן?!
און אויף יענער זייט פון ים, אין ענגע געטאָ-מויערן
טוט נאָך אַלץ די נאַצי-שרעק אויף אידיש לעבן לויערן?!

שטערנדל, מיין שטערן, וואָס קומסטו מיר איצט זאָגן,
וועסטו בלייבן אויף דער וואַך, ביז ס'וועט נעמען טאָגן?!
צי ברענגסטו מיר איצט, שטערן ליב, אַ ליכטיק וואָרט פון טרייסט,
אַז אָט-אָט קומט גאולה אָן, מיר ווערן אויסגעלייזט?!

— יאָ, מיין קינד, איך ברענג אַצינד אַ בשורה דיר פון ווייטן,
פון שחיטה-שטעט, פון שלאַכט-פעלדער, קום איך איצט צורייטן;
און שוועבנדיק אין הויכער הויך, איבער בלוטיק מבול
האָב איך געזען ווי עס וועבט זיך שטיל דער סוף פון דעם מחבל.

— יאָ, מיין קינד, איך ברענג אַצינד אַ בשורה דיר פון ווייטן,
פון געטאָ-ווענט, פון שטעט פאַרלענדט, קום איך איצט צורייטן.
דאָך שוועבנדיק האָב איך געזען איבער מבול, בורע,
ווי עס וועבט זיך מיזאַם, שטיל, תפארת שבגבורה...

מיין ליד איז געלעגן שטיל, פאַרשטומט...

(אין זכרון־טאָג נאָך די זעקס מיליאָן קדושים)

א.

מיין ליד איז געלעגן שטיל, פאַרשטומט
אין דער לאַנגער נאַכט פון צוועלף יאָר
אינאיינעם מיט׳ן „דלות־דיכטער״, דער גריל,
געגרילצט מאָנאָטאָן און אין כאָר.

מיין ליד, מיין אידיש ליד,
איז געלעגן מאַט און מיד,
ווען רשות איז געגעבן געוואָרן
משחית און מחבל צו פאַרדאַרבן.
ס׳איז געווען אַ וועלט פון טויט
און פון גיהנום׳דיקן שטאַרבן.

די גרויע, סאַמעטענע טויב
האָט עלנט פאַר זיך אַליין געברומט.
מיין ליד, מיין אידיש ליד,
געלעגן שטיל איז און פאַרשטומט.

די טויב, זי וואַרקעט אונטער דער סטריכע
און עשיו שפּאַנט און פלאַקערט מיט רציחה,
מיט ווילדן האַס, מיט כעס, מיט סם.
ס׳לעבן — אַ צעברויזטער ים.

ב.

ס׳האָט זיך אָנגערוקט אַ מורא׳דיקע צייט,
וואָס האָט געשטראָמט פון „סיטרא־אחרא״,

פון דער „לינקער" טומאה-זייט.
מיט מיר אינאיינעם, אין דער נאַכט,
איז געלעגן און געוואַכט — —
דער שומר, „שומר אין דער נאַכט".

געשטאַנען איז אַ מענטש אין בלוטיקע בגדים —
ס'איז געווען דאַן — „בקום עלינו אָדם!"

ס'איז אויפגעשטאַנען און געשפּאַנט דער גולם,
און געשאָכטן לינקס און רעכטס „עם-עולם".

און געשוויגן האָט די גאַנצע וועלט ציווילע,
און געהאָלפן האָט נישט דאַן קיין תפילה.
ער אַליין, דער „סבא", אַלטער זיידע
פירט זיין איין-און-איינציק פאָלק
— — — — צו דער עקידה . . .

ג.

כ'שטיי אַ פייערדיקער אות צווישן אַלטע שמות,
כ'רעד צום טאַטן מאַמע-לשון און גאַנץ היימיש.
אין חלום שוועב איך, צווישן וואָר און דרימל,
כ'שטיי און שריי-אַרויף צו אים אין הימל:
צו וואָס, צו ווען, האָסטו דאָס אַלץ געדאַרפט?
און די שאלה ווערט פון טאָג-צו-טאָג פאַרשאַרפט.

און אַן ענטפער קריג איך אויף מיין פרעגן:
„קיינער קאָן נישט וויסן זיינע וועגן!"
„שומר, מה מלילה?" — אינדערפרי!
וועט זיך פרעגן אַלעמאָל,
כל-זמן מיר זיינען הי.

כ׳געדענק! ס׳ליגט מיר טיף אין
— — — מיינע ביינער און געלענק!
ביחידות טראָג איך אין זיך טיף
דעם ווייטיק און דעם צער.
כ׳ווייס, אַז עשיו האָט אין הימל אויך אַ „שר״!
ס׳קאָן נישט קלינגען נישט „באַנאַל״
און נישט „שאַבלאָן״ — — —
דער אָבל׳דיקער ציפער „זעקס מיליאָן״!
און געבליבן הענגען איז מיין הארבע שאלה
ביז אויף אייביק פאַר פמליא, דאָרט, של מעלה:
פאַרוואָס און ווי אַזוי — — —
האָט אַ וויל געזיגט דער „שר של גוי״?!

ד.

כ׳פרעג, באַהאַלטנדיק מיין פנים אינ׳ם קישן:
ס׳שטייט דאָך פאָרט געשריבן: „הנה לא ינום ולא יישן״?!

און מיין לשון ווערט מיר פשוט אָפגענומען
ביז ד ע ר, אויף וועמען אַלע וואַרטן,
וועט ערשט קומען...

אַ קינה אויף מיין היים־שטעטל

(צום יזכור־טאָג נאָך די קאַראַלופקער קדושים בימי הנאצים ימ״ש)

היים־שטעטל, איך בין היינט געקומען
אָפּנעמען אַ גרוס פון דיר —
נאָר ווײ איז מיר און ווינד,
ס׳לשון ווערט מיר אָפּגענומען:
זיבעציק פאַרוואָגלטע נפשות
זיינען קוים לעבעדיקע אַרוים
פון די רוצחים׳ס בלוטיקע הענט;
דיינע היימישע, אייגענע, וואוילע אידן
האָבן זיי דער׳הרג׳עט, פאַרברענט.

היים־שטעטל, איך צינד נאָך דיר היינט אָן אַ ליכט,
ווער האָט זיך אויף אַזאַ אומגליק געריכט?

יזכור!
זאָל גאָט דיך געדענקען אין פרידן,
דיך און דיינע קדושים, די פּשוט׳ע, ערלעכע אידן;
דיינע חסידישע לומדים אין דער טשאַרטקאָווער קלויז;
לעבן מיין זיידנ׳ס הויז — — —
אינמיטן די קולות פון דיינע וואַכיקע יאַרידן
פלעגט זיך צעקלינגען זייער גמרא־ניגון;
דאָרט האָבן זיי געשאָכטן אַלט און יונג;
מאַן, פרוי און קינד — — —
היים־שטעטל, אַז אָך און ווײ איז מיר
און ווינד.

נישטאָ קיין ירמיהו, וואָס זאָל דיך באַקלאָגן;
ווער זאָל נאָך דיר היינט קדיש זאָגן?
ס׳גייט־אויף אין זכרון דיין גאַנצער מהות —
ווען איך הער איצט פון דיר
אַזאַ אימה׳דיקן גרוס.

מיין היים־שטאָט

געשיכטע האָט אַ דריי געטאָן אויף אַקס פון צייט דאָס ראָד,
און שטורעם האָט אַ ווײי געטאָן אויף וועלט און לאַנד און שטאָט.

מיין היימשטאָט וואָס איז לאַנג געווען אַן עיר רבתי עם,
איצט טו איך אין געפאַנג זי זען ביי האָרדעס פון פאָגראָם.

אין אירע פרייע טויערן שפּאַצירט איצט שונא אום,
און נאַצי־כלבים לויערן אויף איר מיט בייז געברום.

דורך וועלט און מענטש עם גייט פאַרביי אַ מורא קאַטאַקליסק,
געעפנט ברייט האָט אַשמדאַי זיין גרויליק־פרעכן פיסק.

ס'האָט דער ווייזער פון דער צייט געטאָן אַ שפּרונג צוריק,
און ווײ, דער אַשמדאַי, ער רייט אויף שווארצע פערד פון קריג.

מיין היימשטאָט ערשט ניט לאַנג צוריק געווען איז אַ כרך
איז איצטער אין איין אויגנבליק אַ חורבה אָן אַ דאַך.

יאָ, געשיכטע האָט אַ דריי געטאָן אויף אַקס פון צייט דאָס ראָד,
און וועלט, זי ברענט, מיט געטאָ־וועגט און מיט שטעכיק דראָט.

אָ, גאָט, האָסט באַהאַלטן דיין פּנים!

אָ, גאָט, האָסט באַהאַלטן דיין פּנים,
אַנדערש קען נישט זיין,
אַנישט, ווי קען־זשע דער שטן
מיר לאַכן אין פּנים אַריין?

כ׳וויים, אָ, גאָט, כ׳בין ווערט דיינע שטראָפן,
כ׳בין בלויז אַ זינדיקער מענטש,
נאָר ס׳זאָל נישט אַזוי טרעפן ווי ס׳האָט געטראָפן,
אַז אָנשטאָט דיך צו שעלטן כ׳בענטש.

כ׳זאָג נישט ווי איוב׳ס ווייב:
„לעסטער גאָט און קום־אום!"
פאַרקערט — כ׳זאָג און פאַרשרייב:
מורד זיין אין דיר איז קרום.

דו ביסט גערעכט, אָ, גאָט,
נאָר כ׳קום מיט אַ טענה צו דיר:
אַז דו גיסט אַ צעפּראַלע פון גיהנום די טיר
און דו לאָזסט דיין רוט אַראָפּ איבער מיר,
איז וויפיל אַן ערך צו שלאָגן דער שיעור?

דו לאָזסט דאַן דעם טייוול אין בלוטיקן גאַנג,
און שטום ווערט מיין ליד, און שטום מיין געזאַנג.
די הינט נעמען בילן אין חושך פון נאַכט
און צו דיר זענען טיר און טויער פאַרמאַכט.

און פינצטערער ווערט אַלץ דער וועג צו דיין ליכט,
דיין טויטלעכער צאָרן קומט אַזוי אומגעריכט,
אָ, גאָט, האָסט באַהאַלטן דיין פּנים,
אַנדערש קען נישט זיין.
אַנישט, ווי קען־זשע דער שטן
מיר לאַכן אין פּנים אַריין?

ג. לזכרון...

אַליין

(הדסה'ן, נ"ע)

כ'בין אַליין,
נאָר איך זע דיך לעבן מיר
אַן אומעטיקע שטיין.

ווען דער טרויער הויערט
אויף מיין וויסט געביין,
קומסטו, טייערע, קומסטו,
דו קומסט דאַן שטיל צוגיין.

כ'וויין, נאָר נישט אַליין . . .
דיין ליכטיק פּנים
קומט צו מיר צוגיין
אַזש פון „דאָרטן" ביז אַהער
און ווישט מיר אָפּ מיין טרער.

צו די טויערן פון טרערן...

(געווידמעט הדסה'ן, נ"ע)

אָט איז דאָס לעבן:
דער טיש, די נאַכט,
דער אומענדלעכער בריוו,
וואָס עס שרייבן די שטערן;
אַ גאַנץ לעבן באַהאַלט זיך
אַמאָל אין צוויי קליינע טראָפּנס טרערן.
(לייזער וואָלף — לידער, געזאַמלט פון לייזער ראַן, זייט 100)

די טויערן פון טרויערן און טרערן
זיינען ווייט פון מיר ווי די שטערן,
וואָס קוקן אויף מיר אין חושך
פון דער פינצטערער נאַכט.
איך בין אָבער זיכער, אַז ע ר,
ער וואַכט און נעמט־אויף
מיינע טרערן ווי די טוי־טראָפּנס
קעגן דער זון אין פרימאָרגן,
טרייב איך אַוועק מיינע זאָרגן און כ'זאָג:
עס וועט קומען דער טאָג — — —
און די שלאָפלאָזע נאַכט וועט אַוועק
אין תהום פון פאַרגעסן ווערן,
ווייט פון מיר ווי די שטערן,
אין עבר פון מיינע ליידן און בענקען,
כ'וועל דיך קיינמאָל נישט אויפהערן צו געדענקען,
יאָ, אין עבר פון מיינע ליידען.
דער נייער טאָג וועט זיין ליכטיק, פריילעך און זיידן
פאַר אונדז ביידן.
דאָס וועט זיין אין „קץ־הימין",
ווען ער, אויף וועלכן מיר
וואַרטן אַלע טאָג, וועט קומען.

ר׳ אברהם אבן עזרא

„מילדי יום״ — אַ מכתם

פאַר ד״ן

מילדי יום אל תבהל,
כי ילדי יום לא ירגעו;
אל תשמח בם אם ייטיבו
גם אל תחת אם ירעו;
כי הטובות גם הרעות,
כאשר יחנו כן יסעו.

אין מיין פרייער איבערזעצונג לייענט עס זיך אַזוי:

פאַר די טעגלעכע פאַסירונגען
דערשרעק זיך נישט,
ווער דו זאָלסט נישט זיין;
וואָרים די טעגלעכע פאַסירונגען
שטייען אויף קיין אָרט נישט איין.

פרייפריי זיך נישט מיט זיי,
אויב זיי זיינען גוט;
און אויב זיי זיינען שלעכט
פאַרליר אויך נישט דיין מוט;
ווייל די טובות זייערע
און די צרות, וועלכע
ברענגען אונדז אַזוי פיל שרעק
אַט דוכט זיך, רוען זיי;
אָבער זיי פאָרן גלייך אַוועק.

בעריש וויינשטיין

שיפּסהעד־בעי, הארבסט, אַ פריע שקיעה.
אפשר דוכט זיך מיר אַזוי?
נאָר ס'ווייזט אויס, ס'איז וואָר!
בעריש, סטייטש? ס'הייסט?
דו ביסט דאָך שוין פון מיין דור?
דער טאָג ליגט אויף דער עקידה
פון דער נאַכט ווי אַ קרבן.
ווי קומט עס, מ'זאָגט אויף דיר:
„געשטאָרבן"?

ווייִ איז מיר, ווייִ!
כ'בין עקסטער אריינגעפאָרן דאָ אין שכנות,
אין שיפּסהעד־בעי.
אַ בלאַט איז אראָפּ פון אַן אַלטן בוים.
דיין פּנים טראָגט זיך דאָ אַרום אין רוים.
אין געמורמל פון ווינט
הער איך אַ געוויין פון אַן אומבאַהאָלפן קינד.

דער בין־השמשות שאָטנט אויס דיין
„ממזר פון דער וואָליע" . . .
אויף שיפּסהעד־בעי האָט זיך אראָפּגעלאָזט
אַ פינצטערע דאָליע. . .

כ'דריי זיך דאָ אַרום אַ מידער,
אין מיין האַנט האַלט איך, בעריש,
דיינע „באַשערטע לידער".
די שקיעה איז צונטער־רויט
און כ'פאַרלייקן, בעריש, דיין טויט!

אַנשטאָט אים זע איך בפירוש,
ווי מיר אַלע גייען שפּאַצירן, בעריש,
דיין מלכה, מיין הדסה, איך און דו —
מיר גייען־צו צום טייכל און זעצן זיך צו.

שפּעטער וועלן מיר אַלע, אין שיפּסהעד־בעי
אַריין צו אייך אין שטוב אויף אַ גלעזל טיי,
און זיצן, און רעדן ביז שפּעט אין דער נאַכט . . .

נאָר די בייזע וואָר האָט זיך פרעך,
ווילד און הילכיק — צעלאַכט . . .
וויי איז מיר, בעריש, ווינד און וויי,
כ׳גיי אַרום אַליין אויף דיין שיפּסהעד־בעי.

על מות יעקב גלאַטשטיין

דער ווייטיק איז גרויס, דער בראָך — אומגעהויער,
דאָס אידישע פאָלק איז פאַרזונקען אין טרויער.
צי איז עס אַן אמת, צי אַ קאָשמאַר, אַ חלום?
„יעקב גלאַטשטיין עליו השלום״!

ס׳שוועבט נאָך אַרום זיין ליבלעכער שמייכל —
ער איז שיין און שלאַנק אין דעם פּאָעטישן היכל.
ווי ער וואָלט פּיקחות׳דיק שמייכלען, און זינגען און זאָגן:
„קלאָגט נישט און וויינט נישט, ס׳אַרט מיך אַ האָר נישט!

דער מעכטיקער טויט אין גאָרנישט מיט גאָרנישט!
איך בין אָקאָרשט אַריין פון פּרוזדור אין טרקלין
אַן שום שוועריקייט און אָן שום וואַקלען״.

ס׳איז ווי אַריין פון איין קאָרידאָר אין אַ צווייטן — — — —
צי פון אַ מידבר אַ וויסטן אין אַ פעלד אַ פאַרזייטן.

ס׳כאַפּט־אָן אַ ציטער, אַן אימה צו הערן,
ס׳איז שווער צו פאַרהאַלטן דאָס גיסן פון טרערן.

אָט ערשט געפּראַוועט, אַז ווינד און אַז וויי!
מיט פאָלקישער פרייד דעם דיכטער׳ס פאַרזיי!

און איצט? איז עס אמת, צי אַ קאָשמאַר, צי אַ חלום?
„יעקב גלאַטשטיין, עליו השלום!״

י. י. סיגאַל

מאחורי הפרגוד, סיגאל, ביסטו געקומען צו גיין,
דיינע שמייכלענדיקע ליפּן אין תחינה׳דיק געוויין —
האָסט געשעפּשעט בלחש:
„כ׳האָב נישט פאַרענדיקט מיין לעצט ליד
וועגן דעם וואָס כ׳האָב זוכה געווען
צו זיין אַ איד . . .״

כ׳האָב געשטוינט אין האַלב-חלום,
ווען כ׳האָב געהערט וואָס האָסט געזאָגט,
ס׳האָט געבלויט אין די פענצטער;
אין דרויסן האָט געטאָגט.

„כ׳בין דאָ פון מאָנטרעאָל
ביי אייך אין ניו יאָרק
מיט אידישן עול, מיט אידישע זאָרג״.

ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ גליק:
ס׳איז אַזוי אידישלעך און וואַרעם.
אַט זיצט סיגאל ביי אַ גלאָז טיי
מיט זיין ליכטיקייט און שאַרם.

אַט שטייט ער און רעדט
וועגן „קאָריצער״ און בעל-שם
אין לשון אידיש-קודש
מן המיצר — פון קלעם.

וועגן רילקע׳ן, פון זיין „תהלים-ליד״
טוט ער קאַטאַוועס טרייבן,
ווי רילקע האָט זיך פון אַ מזמור-תהלים
זיינע לידער געלערנט שרייבן.

ער, סיגאַל, און רילקע
מיט זיין ליולקע אין דער האַנט — — —
און צווישן אונדז דער „פּרגוד" —
אַן אייזערנע וואַנט.

איבער דיין „ספר־אידיש", סיגאַל
שוועבט אַ מלאך אום מיט פליגל.
כ'ווייס גאַנץ גוט, ביסט עפר ואפר,
נאָר ווען כ'נעם פון צייט צו צייט
פון דער פּאָליצע אַראָפּ דיין ספר,
גייט אויף פאַר מיר דיין אידיש ליכט,
ביסטו דאָ אין שטוב צוגאַסט — אומגעריכט.

זע, נישטאָ כמעט קיין איד
אין דער ליידיקער, גרויסער שוהל,
נאָר ס'שוועבט אַרום דיין ליד
„לזכר חיים קרול"...
און איידער־וואָס איז צווישן־טאָג־און־נאַכט,
אַ בין־השמשות מיט שאָטנדיקע האַרבן;
אַן אומגעזעענער ליץ שטייט און לאַכט:
„י. י. סיגאַל לעבט, ער איז נישט געשטאָרבן"...

כ'האַלט דיין „ספר־אידיש", סיגאַל
פעסט אין מיין האַנט —
צווישן אונדז ביידע, דער „פּרגוד",
אַן אייזערנע וואַנט.

אָ — האָ!...

איך וועל דיר זינגען אַ לידעלע, ר׳ אידעלע —
אַ לידעלע אָן ווערטער,
אַ ניגון, וואָס מ׳פלעגט זינגען
אין אונדזערע היימישע ערטער.

איך וועל דיר זינגען אַ לידעלע, ר׳ אידעלע —
אַ לידעלע אָן פשטלעך,
אַ ניגון, וואָס מ׳פלעגט זינגען
אין אונדזערע היימישע שטעטלעך.

אַ־האַ, אַ־האַ, אַ־האַ!
קיין ווערטער זיינען מער נישטאָ —
אַ־האַ, אַ־האַ, אַ־האַ!
קיין שטעטלעך — אויך נישטאָ.

ס׳איז טרויעריק דער ניגון —
ס׳איז אומעטיק דאָס ליד,
דער אומעט נעמט פאַרוויגן
מיין טרויעריק געמיט.

מאַמע, מאַמע!

(געשריבן צו די שלושים נאָך מיין מאַמע, פרומע, נ״ע)

דיין סידור, דיין תחינה,
דיין סליחה, דיין מחזור
און דיין „צאינה-וראינה״,
זיי ליגן איצט און ווארטן
אויף דיין שטילן באַריר
אויף דעם צאַרטן —

אויף די פרימאָרגנס יענע,
ביי טאָגן, בין-השמשות׳ן און חצות׳ן,
ווען דו האָסט איבער זיי
זיך מיט זויבערע, פּערלדיקע,
כשר׳ע, אידישע טרערן באַגאָסן.

דיינע עלטערע, כשר׳ע, אידישע חבר׳טעס
זיצן אין אַ מסיבה און וואַרטן
אויף דיין היימיש-שמייכלענדיקן קול
אויף דעם צאַרטן...

זיי זאָגן: ס׳גייט זיי ממש אוים דאָס חיות,
דו זאָלסט קומען פאַר זיי לייענען די אידישע נייעס.

דיינע שבת-יום-טוב׳דיקע לייכטער
שטייען און וואַרטן און וואַרטן
אויפ׳ן באַריר דיין צאַרטן —
דו זאָלסט מיט דיין פנים-פאַרשטעלטן
איבער זיי די ליכט בענטשן,
און באַלד דערנאָך אַן אומעטיק-פריילעכע אַ זאָג-טאָן:
„גוט-שבת, קינדער, גוט יום-טוב, מענטשן!״

מאַמע, מאַמע —
ביי אונדז איז איצט, אין זוניקסטן,
קלאָרסטן, מיט׳ן־העלן־טאָג
די טונקלסטע, טרויעריקסטע
ליקוי־חמה.

נאָר מיר, דיינע קינדער,
טוען ווי דו וואָלסט געוואָלט
מיר זאָלן טאָן נאָך אַן ערלעכער
אידישער מאַמען;

ביי אונדז, דיינע קינדער, מאַמע,
ביסטו דאָ,
נישטאָ קיין „נישטאָ״!

ווען מיר זאָגן דעם קדיש
זיינען מיר מיט דיר צוזאַמען.
דיין ערלעכע געשטאַלט
גייט פאַר אונדז אויף
אין פרייד און אין אומעט,
אין אונדזער זכרון, מאַמע,
ביסטו דאָ און וועסט בלייבן תמיד.

די נאַכט קומט־אָן אין טרויער

(נאָך דער פּטירה פון גרויסן דיכטער איציק מאַנגער)

און דער לעבעדיקער דאַרף זיך נעמען צום האַרצן...
וואָרים דאָס איז דער סוף פון יעדן מענטשן — (קהלת, ז׳־ב׳)

ס׳טריפט אַ רעגנדל אין דרימל
און פאַרטרערט מיין שויב.
אַ שטערן איז פון קלאָרן הימל
היינט אַראָפּ אין שטויב.

דער הימל היינט איז נישט קיין בלויער,
נאָר פינצטער, שוואַרץ באַפאַרבט.
די נאַכט קומט־אָן געהילט אין טרויער,
אַ גרויסער דיכטער שטאַרבט.

כ׳שריי אין חלום, ס׳איז אַ ליגן!
ס׳הויבט זיך גאָר נישט אָן.
ווי קען עס אָפּשטאַרבן אַ ניגון,
אַ ליכט וואָס צינדט זיך אָן?

וואָס צינדט זיך אָן און פלאַקערט־אויף
אין האַרץ פון פאָלק אַזוי,
ווי קען אַזויפיל חן אָן סוף
ווערן שוואַרץ פון בלוי?

ס׳האָט די אייביקייט פאַרשלונגען
אין פּלי אַ מעטעאָר,
און לידער בלייבן נישט דערזונגען,
טרויעריק איז די וואָר.

כ׳זע אַ שאָטן, קלאָר און בליציק,
פּיקחות׳דיק און שאַרף.
אין קאַשמאַר כ׳שריי־אויס: איציק,
ס׳האָט געפּלאַצט דיין האַרף!

אַ שאָטן האַרער, דינער, לאַנגער
רעגט זיך אויף דער וואַנט.
כ׳שריי אין חלום: מאַנגער, מאַנגער!
כ׳שטרעק דיר אויס מיין האַנט.

ס׳קלעמט ס׳הארץ און איך דערשטיק
אין זיך מיין טרויער־טרער.
ס׳טוט וויי: דו וועסט נישט זיין צוריק,
דו וועסט נישט זינגען מער.

„מאחורי הפרגוד"

פורפור־בלוי און רעגנבויגנדיקע קאָלירן
קענען אַן ערלעכן מענטשן ווייט פאַרפירן.
בדידי הווא עובדא, מיט מיר האָט עס פּאַסירט,
נישט פאַר קיינעם געזאָגט: אַ „שפּיצל",
וואָס דער שטן האָט מיט מיר פאַרפירט.

אויב איר ווילט די מעשה הערן,
טאָ זאָל אייך נישט זיין פאַרוועדט;
נאָר לאָזט אייך פון קיינעם נישט שטערן,
זעצט זיך אַוועק און הערט:

ס'איז געווען אין אַ בין־השמשות,
ס'האָט געווייעט מיט שקיעה־לופט.
ס'האָט אויף מיר געשלאָגן חלשות,
ווען כ'האָב דערהערט אַ קול, וואָס רופט:

„כ,בין דאָ, כ'לעב!
יאָ, נאָר אַן אַנדער סאָרט לעבן . . .
זינט דאָס וואָס איר רופט־אָן „טויט"
האָט מיך דאָ געטאָן פאַרוועבן
אין „אמת'ן לעבן", אָן בלוט, אָן הויט,
אָן אָדערן, אָן פליש און ביינער —
קיינער וועט דאָס ניט פאַרשטיין
פון אייך, קיינער —
נאָר איך בין דאָ, אַזאַ סאָרט „זיין" —
אָן זאָרג, אָן צרות, אָן עול און אָן פּיין,

נאָר איך בין דאָ און כ'וואַרט גלייך מיט אייך
אויף אים, וואָס וועט קומען,

אויף וועמען איר אַלע וואַרט — — —
ער'ט זיכער קומען, פריער צי שפּעטער,
נאָר קומען מוז ער, קומען וועט ער!

„קיינער האָט נישט קיין דעה
צו זאָגן, אַז ניין!
אַף־על־פּי שיתמהמה,
וועט ער קומען צוגיין!

כ'בין דאָ אינדערהיים!
אַלע זיינען דאָ,
זיי וואַרטן ווי איר
אויף דער אויסגעבענקטער שעה!

מיר דאָ, איך און מיינע אומגעבראַכטע
חברים — — — — — — —
אומגעבראַכטע פון וועמען?
פון די נאַצי־היטלער
חזירים — — — — — —

אַלע אידן, דו הערסט?
מתנגדים און חסידים —
צונויפגעקומען זיך דאָ
פון אַלע גלות־יאַרידים:
אידן פון זייד, פון „אַטל"ס" און „סמו"ט",
אינאיינעם מיט'ן „לעבן", דעם „דרדקי־מלמד" . . .

כ'האָב די ווערטער דערהערט,
האָט זיך מיין לשון אָפּגענומען.
„מיר וואַרטן „דאָ", און איר — „דאָרט" —
אויף זיין „קומען"!

כ׳האָב געוואָלט הערן און האָרכן נאָך,
נאָר פּלוצים בין איך פון „שבת-יום-טוב"
אַריין אין גרויער וואָך . . .
כ׳טראָג ווייטער דעם יאָך, דעם שווערן עול.
ס׳איז פאַרשוואונדן ס׳וואָרט, מ׳הערט נישט קיין קול!

ס׳לשון האָט זיך ביי מיר אָפּגענומען —
כ׳האָב געוואָלט הערן נאָך ווערטער,
כ׳האָב געקוקט אין אַלע ווינקעלעך,
געקוקט אין אַלע ערטער —

כ׳בין געבליבן ווי געטויט,
ווי פון עמיצן דער׳הרג׳עט.

— — — — — —

עמיצער האָט, הפּנים, גערעדט
צו מיר „מאחורי הפּרגוד" . . .

ס׳באַגלייט מיך שטענדיק מיין מאַמע׳ס ניגון

אין בין־השמשות פלעגט מיין מאַמע
אין דער שטיל מיך וויגן,
און איצט באַגלייט מיך אַלעמאָל
איר שיינער, זיסער ניגון.

ס׳ציגעלע, ס׳קלאָר־ווייסע
אונטער יענעם וויגל,
איז ערגעץ־וואו פאַרשלאָסן איצט
הינטער טויער און ריגל.

ס׳לשון ווערט מיר ממש
איצטער אָפּגענומען;
וואו איז איצט דאָס ציגעלע
מיר אַהינגעקומען?

ס׳פאַרשוואונדן מיר ס׳ציגעלע,
ס׳איז געפאָרן האַנדלען
ערגעץ־ווייט אויפ׳ן יאַריד
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען.

„תורה״, פלעגט זי זינגען,
„איז די בעסטע סחורה,
אַז ד ו וועסט לערנען, מיין קינד,
וועט היטן דיך דער בורא״.

כ׳גיי־אַרום זוכן עס
אויף אַלע שליאַכן, וועגן.
ס׳העלפט מיר נישט קיין זוכן,
ס׳העלפט מיר נישט קיין פרעגן.

כ׳בין אַליין, כ׳בענק און וויין.
דער טרויער נעמט מיך וויגן,
ס׳באַגלייט מיך איבער שטאָק און שטיין
מיין מאַמע׳ס זיסער ניגון.

כ׳געזעגן זיך מיט דיר, טאָג מיינער...

ס׳איז די צייט פון מנחה און מעריב,
טאָג מיינער, און דו פליסט אַוועק
אין דער אייביקייט פון „נירוואַנאַ״.
דו ווערסט צעברעקלט צו גאָרנישט.
איז לאָמיר זיך געזעגענען ווי גוטע פריינט
נישט פון נעכטן, נישט פון מאָרגן,
נאָר פונ׳ם טרויעריק-פאַרבענקטן, צעקאַראַוואַשעטן,
פאַרווײנטן היינט.

געדענקסט ? געווען אַמאָל אַ שיינער,
לאַכנדיקער, שמייכלענדיקער,
זון-אויפגייענדיקער, טוי-באַשפּרענקלטער פרימאָרגן,
כ׳שעם זיך עס איצט דיר אויסצוזאָגן,
אַז כ׳האָב דאַן נישט געוואוסט פון קיין זאָרגן.
געמיינט, אַז ס׳עט זיך ציען און ציען
אייביק אַזוי יונג און פריש, און שיין.
איצט איז אָבער די צייט פון מנחה און מעריב,
איז לאָמיר זיך געזעגענען
ווי אמת׳ע, ערלעכע גוטע פריינט.
ס׳איז פאַרנאַכט, ס׳גייט אַוועק דער ה י י נ ט.

איז זיי-זשע מיר געזונט
און איך פאַרבלייב דיר געטריי און ערלעך,
צו זיין אַזוי געטריי איז איצט היפּש-שווערלעך,
נאָר איך זאָג דיר צו, אַז אַזוי וועל איך דיר זיין
ביז איך וועל נאָר זיין אימשטאַנד
צו זען דיין ליכטיקע, קלאָרע און וואָרע שיין.

נאָר ערגעצוואו גייט איצט אויף אַ שטערן,
אַלע טוען זיין ניגון שוין זען און דערהערן.
מירביידע האָבן אַ חלק אין זיין ליכט,
וואָס וועט זיכער אַמאָל קומען — אומגעריכט.

צבי שטאָק

כ׳זע אייך ערשט איצט...

(געשריבן צו 25 יאָר מדינת ישראל)

כ׳זע אייך ערשט איצט, מיינע
ליבע זיידעס און עלטער־זיידעס,
אין דער פינצטערער צייט
פון די גירושים, שייטערן
און אומזיניקע עקידות.

כ׳זע אייך זיצן ערשט איצט
מיט די קרוינען אויף די קעפּ
אין די טויערן פון גן־עדן,
אויף די מאַרמאָרענע טרעפּ,
און הנאה האָבן מזיו־השכינה.
נישטאָ ביי אייך די פינצטערניש
פון בייזער קנאה־שנאה.

כ׳זע אייך אין די נעכט
ווען איר האָט געפּראַוועט חצות׳ן,
כ׳הער דעם ניגון פון אייערע געוויינען
און כ׳זע די טרערן וואָס איר האָט
אויפ׳ן חורבן דאָן פאַרגאָסן.

כ׳מוז אייך זאָגן:
די נאַכט צינט־אָפּ,
מיר געפינען זיך איצט
אין סימן פון „אתחלתא״.

איר ווייסט דאָך, די מעשה־נסים
איז גאָר נישט קיין שפּאָגל־נייע,
ס׳איז אַן אַלטע, גאָר אַן אַלטע
מעשה, נאָר פאַר אונדז אַ נייע.

זי הייבט זיך אָן אין חומש
מיט'ן „הר־המוריה",
אין ירושלים — מיט'ן „אבן־השתיה",
און פליסט און רינט שוין
אינאיינעם מיט אונדזערע טרערן
צוויי טויזנט יאָר.

נאָר אין א י י ע ר זכות
האָט זיך דערמאָנט
דער פאַרכטיקער, הימלישער טאַטע
און מיר קערן איצט זיך אום אַהיים
קיין ציון, אין ירושלים של מטה.

ס'האַלט אין א י י ע ר זכות אין גובר־זיין
נישט עשיו'ס איסלאַמישע שווערד,
נאָר מיר, עם ישראל,
וואָס האָט דורך זיינע גבורים
געהייליקט די אידישע ערד.

און זיגן זיגט, און זיגן מוז
ס'פאָלק פון באַרג סיני,
מיט זיין אַמאָליקן „נעשה ונשמע" געשריי.
מזל טוב אייך, מזל טוב אונדז
מיט'ן פאַרזוי פון כ"ה . . .

און מדינת־ישראל איז געווען,
איז דאָ אין אַ מזל'דיקער שעה.
אַלע אידישע אויגן קוקן אויף איר אַרויף
פון נאָענט און פון ווייט —
דו וועסט בלייבן אונדזער היים
כל־זמן די וועלט וועט זיין אַ לייט.

עם ישראל חי,
כ"ה לחי!

צבי שטאָק

ח. נ. ביאַליק

הכניסיני — נעם מיך אונטער דיינע פליגל

איבערזעצט פריי פאַר ד״ן

נעם מיך אונטער די פליגל דיינע
און זיי אַ מאַמע, אַ שוועסטער מיינע;
אַן אַנטרינונג פאַר מיין קאָפּ זאָל זיין דיין שויס,
די נעסט פאַר מיינע פאַרשטויסענע תפילות — דיין הויז.

און אין צייט פון רחמים, צווישן טאָג און נאַכט,
בויג זיך אָן, הער־אויס וואָס איך איצט טראַכט:
מ׳זאָגט, ס׳פאַראַן יוגנט אויף אונדזער וועלט,
פאַרוואָס האָט די יוגנט מיך פאַרפעלט?

און נאָך אַ סוד זאָג מיר, און ניט פאַרזאַם,
מיין זעל ווערט פאַרברענט אין איר פלאַם;
מ׳זאָגט, ס׳פאַראַן ליבע אויף דעם פלאַנעט,
וואָס איז עס אַזוינס ליבע? זאָג מיר, כ׳בעט.

די שטערן האָבן מיך גענאַרט אין זייער גאַנג,
געווען אַ חלום, ער איז אויך אַוועק פון מיר שוין לאַנג.
איצט האָב איך גאָרנישט אויף דער וועלט,
אַל־דאָס־גוטע האָט מיך אויסגעפעלט.

נעם מיך אונטער די פליגל דיינע,
און זיי אַ מאַמע, אַ שוועסטער מיינע;
אַן אַנטרינונג פאַר מיין קאָפּ זאָל זיין דיין שויס,
די נעסט פאַר מיינע פאַרשטויסענע תפילות — דיין הויז.

ד. צום אידישן אות

די הייליקייט פון די אידישע אותיות

(לויט'ן תלמוד און מדרש)

געווידמעט מיין פאָטער, משה לייב, נ"ע

דער הייליקער תנא רבי מאיר איז געווען אַ סופר. ער פלעגט אַרבעטן שווער און פאַרדינען דריי סלעים (אַזעלכע מטבעות) אַ וואָך. פלעגט ער זיך שפייזן פאַר איין סלע, און זיך קליידן פאַר איין סלע, און דעם דריטן סלע פלעגט ער אויסגעבן צו שפייזן אָרעמע תלמידי־חכמים. (קהלת רבה, ב').

האָט רבי מאיר געזאָגט: — אַז איך בין געקומען לערנען תורה ביי רבי ישמעאל'ן, האָט ער מיך געפרעגט: „זון מיינער, וואָס איז דיין באַשעפטיקונג?" — האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין אַ סופר. האָט ער צו מיר געזאָגט: „זון מיינער, זיי פאָרזיכטיק מיט דיין אַרבעט, ווייל זי איז אַ מלאכת שמים (אַ געטלעכע אַרבעט); אויב דו זאָלסט אויסלאָזן, ענדערן, אָדער צוגעבן בלויז איין אות, קענסטו, חלילה, חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט."
(עירובין, י"ג, סוטה, כ').

עס שטייט געשריבן: „לא תשתחוה לאל אחר"
(שמות, ל"ד), דו זאָלסט זיך ניט בוקן צו קיין אַנדערן גאָט; אויב מען זאָל, חלילה, פאַרבייטן דעם „ריש" (פון אחר) אויף אַ „דלד" — קען מען חרוב מאַכן די וועלט... עס שטייט געשריבן: „וחכיתי לה'"
(ישעיה, ח', י"ז), און איך וועל וואַרטן (האָפן) צו גאָט;
אויב מען זאָל, חלילה, פאַרבייטן דעם „חית" (פון וחכיתי) אויף אַ „הא", קען מען חרוב מאַכן די וועלט... עס שטייט געשריבן: „ולא תחללו את שם קדשי" (ויקרא, כ"ב), און איר זאָלט ניט פאַרשוועכן מיין הייליקן נאָמען; אויב מען זאָל, חלילה, פאַרבייטן דעם „חית" (פון תחללו) אויף אַ „הא", קען מען חרוב מאַכן די וועלט... (שיר השירים רבה, ח').

אין פּסוק שטייט געשריבן: „קווצותיו תלתלים"
(שיר השירים, ה', י"ב),
זיינע לאָקן זיינען געקרייזלט. האָט רבי לוי געזאָגט:
אַפילו זאַכן, וואָס ווייזן זיך דיר אויס ווי קלייניקייטן,
ווי קליינע דערנער (קוצים), זיי זיינען אָבער „תלי תלין", ווי גאַנצע
הויפנס, גאַנצע בערג, און זיי קענען, חלילה, חרוב מאַכן די וועלט
און מאַכן פון איר אַ תל-עולם; אַ שטייגער: עס שטייט געשריבן:
„שמע ישראל, ה' אלהינו, ה' אחד" (דברים, ו'), הער, ישראל,
גאָט אודזער האַר, גאָט איז איינער; אויב מען זאָל, חלילה,
פאַרבייטן דעם „דלד" (פון „אחד") אויף אַ „ריש", קען מען חרוב
מאַכן די וועלט (שה"ש רבה ה').

רבי יהודה האָט געזאָגט פון רב'ס וועגן:
בצלאל (דער, וואָס האָט געמאַכט דעם משכן, דעם אָרון און די כלים),
האָט געקענט מצרף זיין די אותיות, וואָס פון זיי זיינען באַשאַפן
געוואָרן הימל און ערד. (ברכות, מ"ה).

ווען דער אויבערשטער האָט געגעבן משה'ן די לוחות, האָבן זיי זיך
אַליין געהאַלטן (מיט'ן כוח פון דער געטלעכער קדושה, ווי אַ לעבעדיק
וועזן, וואָס טראָגט זיך אַליין) אין דער לופטן, אָבער ווען משה
רבנו האָט אַראָפּגענידערט, זיך דערנענטערט צו דער מחנה
אידן און דערזען ווי זיי טאַנצן אַרום דעם מצר'ישן גאָלדענעם קאַלב
(עגל הזהב), זיינען די אותיות אַרויסגעפלויגן פון זיך אַליין,
און די שטיינערנע לוחות זיינען שווער געוואָרן אויף
די הענט פון משה'ן. גלייך — איז משה געוואָרן אין כעס און
אַראָפּגעוואָרפן פון זיינע הענט די לוחות (מדרש תנחומא, פ' תשא).
די לוחות זיינען צעבראָכן געוואָרן, און די אותיות זיינען
אַרויסגעפלויגן (פסחים, פ"ז:).

רבי אלעזר בר אבונא אין נאָמען פון רבי אחא האָט געזאָגט:
— זעקס און צוואַנציק דורות האָט דער „אלף" געהאַט אַ תרעומת
צום רבונו של עולם. — רבונו של עולם — פלעגט
דער „אלף" טענה'ן, — דו האָסט מ י ך אַוועקגעשטעלט אין

אָנהויב פון אַלע אותיות און האָסט ניט באַשאַפן די וועלט
מיט מ י ר, נאָר מיט׳ן „בית״, ווי עס שטייט געשריבן:
„בראשית ברא אלהים״, האָט דער אויבערשטער געזאָגט:
— מיין וועלט און אַלעס וואָס איז פאַראַן אין איר איז ניט באַשאַפן
געוואָרן נייערט אין זכות פון דער תורה, ווי עס שטייט געשריבן:
„גאָט האָט מיט חכמה באַגרונדפעסטיקט די ערד״, אָט וועל
איך זיך אָנטפלעקן און געבן די תורה צו די אידן, דאַן וועל איך
ד י ך אוועקשטעלן אין אָנהויב פון די צען געבאָט און אָנהויבן מיט
דיר, ווי עס שטייט געשריבן: „אָנכי ה׳ אלהיך״. (בראשית רבה, ה׳).

זאָלן זיך פרואוון פאַרזאַמלען אַלע מענטשן פון דער וועלט
און וועלן אָפּווייסן אַ פליגעלע פון אַ שוואַרצער ראָב,
וועט זיך זיי איינגעבן דאָס צו טאָן? אַזוי וועט זיך קיינמאָל
קיינעם ניט איינגעבן אַרויסצורייסן דעם „יוד״ פון דער תורה, כאָטש
ער איז דער קלענסטער אות פון אַלע אותיות. (ויקרא רבה, פ״ט).

צום אידישן אות — אַ געזאַנג

איבער צייט און איבער רוים,
אין יעדער ווירקלעכקייט און טרוים;
אויף וועגן גלייך און וועגן קרום —
שוועבסטו, אידיש אות, אַרום.

שוועבסט אַרום און ליכטיקסט אוים
פרייד פון וואָרט פאַר קליין און גרוים,
און דו טראָגסט פון דור צו דור
ליכט פון אמת און פון וואָר.

באַשייד פון דמיון און פאַרשטאַנד,
שווערע מי פון אַרבעטס-האַנט
טוט שמידן דיך אין נצח׳ם קרוין
און שאַפונגס-פרייד איז אונדז דער לוין.

איבער צאָל און איבער וואָג,
אין יעדן זינג, אין יעדן זאָג;
וואו דער גייסט פון גאָט שוועבט-אום,
שוועבסטו אידיש אות אַרום.

איבער פינצטערניש און ליכט,
איבער בשורה, אומגעריכט —
מיר מיען זיך מיט דיין געבוי
פון קינדווייז-אָן ביז עלטער-גרוי.

סיי אין פרייד און סיי אין צער,
דיין שיין געשטאַלט איז אונדזער שכר.
אַז וואויל איז אונדז, וואָס אונדז ז׳באַשערט
צו מיען זיך אַרום דיין ווערט.

יעמוד הבחור הזעצער!...

אונדזער יחוס ציט זיך פון ווייטן אַמאָל,
פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום,
אונדזער קראַפט ווערט געשמידט פון בליי און פון שטאָל,
ביי דער מלאכת הקודש פון אידישע ספרים.

פון לענדער צעשפרייטע אין דער ווייטסטער ווייט,
אין דער אַרומיקער וועלט פון שנאה און האַסן,
מיר טראָגן די ירושה פון אַטלאַס און זייד,
פון חומש מיט רש"י, סידורים און ש"ס'ן.

מיר געדענקען די ספרים געדרוקט אין סלאַוויטע;
אין פאַרשידענע לענדער מעבר לים,
און ווילנע, די שטאָט, ירושלים ד'ליטע
מיט איר „דפוס האַלמנה והאחים ראָם".

דורך פייער און שווערד, דורך שנאה און דורך שמאַך,
אין די מחזורים, פיוטים, קינות און סליחות;
דורך די אַלף-בית אותיות, דורך דער שפּראַך פון תנ"ך
טראָגן מיר מיט שטאָלץ אונדזער הייליקע שליחות.

און ביי יעדער שמחה פון אידישן אות —
הויבט-אויף זיך פון אייערע פלעצער.
לאָמיר מאַכן אַ „לחיים", גיסט-אָן פול דעם כוס;
יעמוד הבחור הזעצער!

אַ דודעלע דעם יוד׳עלע

(חסידיש)

אם מתכנסים כל באי־עולם לעקור יו״ד
שהיא קטן־האותיות שבתורה — לא יכולים.
(ויק״ר י״ט; שהש״ר ה׳)

לאָמיר זינגען אַ דודעלע דעם יוד׳עלע —
דעם קלענסטן אות אין דער תורה;
אַ פּינטעלע קליין, מלא־חן, אין נאָמען פון דעם בורא

לאָמיר זינגען אַ דודעלע דעם יוד׳עלע —
דעם קלענסטן אות אין סידור;
דעם צענטן קליינעם ברודערל
צווישן צוויי און צוואַנציק ברידער.

דעם ערשטן אין „ישראל״;
ביים סוף פון „חולם־גימל״ . . .
דער „צען״ אין אונדזער צאָל,
און רייסט זיך נאָר צום הימל.

צוויי מאָל אין „ישעיה״;
אין־דער־מיט פון „אַ מחייה״;
ביים סוף פון אידישן „אוי״;
פון אונדזער וויים־און בלוי.

אין „בראשית״ — דאָ,
אין „לחיים״ — דאָ;
אין „עברית״ — דאָ,
אין „אידיש״ — דאָ;
אין „קידוש״ — דאָ,
אין „חסידיש״ — דאָ;
און אין פרייד און אין לייד —
דער „יוד״ דעם איד באַגלייט.

ביי דער זאַץ־מאַשין

די אותיות פאַלן אַרונטער,
שטעלן זיך אויס אין אַ ריי;
אַזוי ווי סאָלדאַטן, גאַנץ מונטער,
זיי פליען אין פייער פון בליי.

די זאַץ־מאַשין שטייט ווי אַ טורעם,
מיט אַ קאָפּ און מיט פיס און מיט הענט;
שמעלצט־אויס יעדע שורה אין פורעם
פון אייזן און שטאָל און צעמענט.

אָן אויפהער עס דרייען זיך רעדער,
ווי מעשה־מרכבה געמאַכט —
זיי דרוקן כתב־יד'ן וואָס יעדער
מחבר און שרייבער פאַרטראַכט.

דער בחור־הזעצער מוז זיצן,
טאָן דריי מלאכות ביינאַנד:
לייענען און קלאַפּן מאַטריצן,
און אַוועקשיקן זיי מיט דער האַנט.

ער ווערט דאַן אַ שותף־ליצירה,
צו מעשה־בראשית פון וואָרט,
און צי איז עס פּראָזע, צי שירה,
ער שטעלט יעדעס אות אויף זיין אָרט.

נאָר איין נס זאָל גאָט אונדז באַווייזן —
בעטן שרייבער און זעצער ביינאַנד,
מיר זאָלן ניט מאַכן קיין גרייזן;
ניט ווערן צו שפּאָט און צו שאַנד . . .

ה. חסידיש

תיקון חצות לר׳ נחמן מברצלוב

(חסידישער מאָטיוו)

— אין אוקראַינער דרויסן איז פינצטער
ס׳שטעטל מעזשיבוש דרימלט שוין לאַנג,
פון ערגעץ־וואו גייט־אויף אַן אומעטיק
התבודדות־ און דביקות־געזאַנג.

ס׳איז „וימש חושך״, ווי אַמאָל אין מצרים,
ס׳שטורעמט, ס׳מבול׳ט אַ רעגן, אַ גאָס!
ס׳גייט־אויף אַ קול פון אַ ניגון אַ נייעם,
נאָר איין קאַניצל צאַנקט צו תיקון־חצות.

ר׳ נחמן דרייט זיך אַרום, רעדט צו זיך אַליין:
„אַי, אַי, אַי, פּאָטער אין הימל,
משיח, ער קומט ניט צוגיין!
וואָס ט׳זיין, וואָס ט׳זיין?״

מיטאַמאָל שטילט אַלץ זיך איין.
דער מאָרגנשטערן גייט־אויף,
ר׳ נחמן קוקט צום הימל אַרויף.

— ס׳זאַריעט אויף טאָג
געוואַלד! געוואַלד!
ווען וועט שוין אויפהערן ס׳געקלאָג?
אפשר באַלד, באַלד!

— רבונו של עולם,
און ער, דער ילוד־אשה,
די קרוין פון דיין יצירה?

שאַ, שטיל, די מלאָכים
זינגען איצטער שירה.

ר׳ נחמן קלאָגט, ער זינגט
און ער זאָגט:
„אָי, פאַסטוכל געטרייער,
העלף אונדז, העלף!
מיר זיינען דאָך דיין
איין־און־איינציק שעפעלע
צווישן זיבעציק בייזע וועלף!

און זיי שטייען אַלעמאָל גרייט
אונדז צו פאַרצוקן!
שוין צייט, טאַטע זיסער,
אויף אונדז זיך אומצוקוקן!

וויפיל איז דער שיעור
אונדז פּלאָגן און מאָרדן,
און אָנצושיקן אויף אונדז
בייזע, ווילדע האָרדן?״

עס הערט זיך בלויז
אַ ברוגז־קול
פון דעם הייליקן ר׳ נחמן
דעם גרויסן,
און אַלץ בלייבט ווידער שטיין
ווי פריער, אין אוקראַינער
פינצטערן דרויסן.

און אַ קול גייט־אויף, אַ זיס,
ווי אויף סטרונעס פון אַ מאַנדאָלינע,
ס׳זינגט איצט מיט די גאַנצע וועלט
ר׳ נחמן מברצלוב׳ס נגינה.

און אַ קול דערהערט ר׳ נחמן:
„געוווּג! מאַך אַ סוף צו דיין קלאָג!״
אין מעזשיבוש הייבט־אָן שוין צו טאָגן,
ס׳הויבט־אָן זאַריען אויף טאָג.

ס׳שטייט ר׳ אורי׳לע דער שרף און זאָגט...

ס׳טאָגט אין סטרעליסק —
ס׳שטעטל וואַכט-אויף פון דער נאַכט.
ס׳גייט-אויף אַ ווייט-שטילע נגינה,
ס׳צאַרטע אידישע קול תפילה׳ט-אוים
„הנותן לשכוי בינה"
פון דער סטרעליסקער קלויז.

איינגעהילט אין טלית און תפילין
שטייט ר׳ אורי׳לע, דער שרף, און זאָגט:
„געלויבט׳ז השם-יתברך,
ס׳טאָגט אויף-אן-אמת, ס׳טאָגט".

ס׳קרייעט דער האָן!
ס׳בייזע ווילדע ווינטל
מאַכט קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן.

ס׳בלויט אין די פענסטער —
ס׳שטייט ר׳ אורי׳לע, דער שרף, און זאָגט:
— „רבונו-של-עולם,
פון אַלע דיינע דרויסנס
איז דיין סטרעליסקער דרויסן
דער שענסטער!"

— „פאַרוואָס?
וואָרן אין סטרעליסק ב י ס ט ו דאָ
און איך בין דאָ — — —
און אַלע דיינע אידן זיינע דאָ!"

— „און מיר, אידן, זיינען קיינמאָל נישט אליין.
מיר זיינען מיט דיר,
דו ביסט מיט אונדז
לעד ולעולמי עולמים, אָמן!"

* * *

— „אָבער וואָס'ט פאַרט זיין מיט אונדזער ירושה,
ווען וועלן אונדזערע אויגן שוין זען
ווי דו קערסט־זיך־אום אין קדושה
קיין ציון, מיט רחמים, ווען? ווען?"

ס'מאַכט זיך פון מאָל צו מאָל —
אַ חלום פון פחד און שרעק,
ווען כ'זע ווי דיין ליב פאָלק ישראל
איז צעשפּרייט וואו די וועלט האָט אַן עק.
ס'איז טאַקע, כ'לעבן, אַ שרעק!

ס'נעמט נישט קיין עק
צום גלות פון אונדז ביידע;
אַלע מאָל, אַ פרישע, אַ נייע עקידה!
וויפיל איז דער שיעור
דאָס אַלץ צוצוזען?!

ווען ס'פליאַמעט אין מיר אויף
דיין קדושה, פיל איך, איך פלאַקער,
איך ברען!

* * *

— בטחון! בטחון! ר' אורי!
אַ טויב אונטער דער סטריכע,
זי ברומט
„אוזר ישראל בגבורה!"
יענע צייט האַלט אין קומען,
זי קומט!

אוים! נישטאָ מער די טשאָרטקאָווער קלויז!...

ווי לאַנג, מיינט איר, נעמט עס
צו קומען אַהיים, אין חלום —
אין שטעטל וואו מ'איז געבוירן?
ווי לאַנג, מיינט איר, אַן ערך?
אַ רגע'לע קפיצת־הדרך . . .
און מ'איז דאָרט —
אין חלום ז'ניט שייך קיין דויערן.
אַ פלי און מ'קומט־אָן בשלום.

נישט געשטויגן, נישט געפלויגן,
ס'האָט געשלאָגן די שעה, כ'בין דאָרט דאָ,
כ'קוק מיר אוים די אויגן:
ס'איז קיינער דאָרט נישטאָ.
אוים! נישטאָ מער דאָ
די טשאָרטקאָווער קלויז!

אינדרויסן טאָגט, די נאַכט לאָזט זיך אוים,
און פון צווישן די חורבות שאַרט זיך אַרויס
אַ טשאָרטקאָווער חסיד, אַ היימישער איד.
שלום עליכם, זאָגט ער, טויט און בלאַס און מיד.

אינדרויסן טאָגט —
און דער חסיד, היימיש מיט זיין ליבן נאָמען
שטייט צווישן די געוועזענע אידישע קראָמען
און זאָגט —
— ברוך אתה!

ז י י זענען שוין נישטאָ,
אָבער ד ו ביסט דאָך דאָ,

צבי שטאָק

רבונו של עולם, כ׳קען אין דיינע עסקים
זיך נישט מישן —
ס׳נעמט מיך אָבער קיין שלאָף נישט,

גאַנצע נעכט בין איך וואַך און כ׳טראַכט —
הערט ווי אַ שטיין איז מיין קישן.
ס׳אַראַ בייזער קאָשמאַר!
ס׳אַראַ פינצטערע נאַכט!
און ער ניגונ׳ט־אַרויס מיט אַ ניגון,
מיט אַ קול ווי נישט פון הי.
ס׳ראַזדרעכעט זיך ס׳שטעטל —
ווי אַמאָל אין אַ זומער־טאָג אינדערפרי.

אינדרויסן טאָגט און ער שטייט און זאָגט:
— וואו ביסטו טאַקע געווען דעמאָלט־אָ,
אין יענער פינצטערער, נאַכטיקער שעה?

ס׳קען דאָך נישט זיין, אַז דו ביסט נ י ש ט געווען —
ס׳וואָלט דאָך געווען שקר, אַ ליגן,
צו זאָגן, אַז דו ביסט, חלילה, נישטאָ!
דו ביסט דאָך אומעטום דאָ!
— ביסטו דאָך זיכער געווען
אַלץ, אַלע פיינען צוגעזען,
יאָ, געזען און געשוויגן?
כ׳קען עס נישט גלויבן, ס׳אַ ליגן!

ס׳נעמט מיך אַרום אַ מורא,
שדי איום ונורא!
ד ו, וואָס דו נעמסט אַרום
די גאַנצע וועלט בכל יום תמיד
און באַנייסט זי מיט אַלעם גוטן;

ד ז, וואָס פאַר דיר שטיי איך
טאָג־איין, טאָג־אויס פאַר׳ן עמוד
און כ׳תפילה־אויס מיינע תפילה׳ס;
איצט וויל איך עס וויסן, כ׳וויל עס:
פאַרוואָס האָסטו דיין פנים פאַרבאָרגן,
ווען כ׳האָב געוואַרט אויפ׳ן ליכט פון פרימאָרגן?

דעמאָלט־אָ, אין יענער פינצטערער שעה,
ווען ס׳איז געוואָרן אויס
פון דיינע וואוילע חסידים און פון דער
טשאַרטקאָווער קלויז?

ווי לאַנג, מיינט איר, נעמט עס,
צו קומען אַהיים, אין חלום?
אַ רגע, אַן אויגן־בליק, און מ׳איז דאָ צוריק,
געטרייסט? ניין, ס׳איז הבל־הבלים.

ס׳איז אַ שיינער פאַרנאַכט...

אפשר האָט ער געמיינט, אָט־דער־אָ,
וועמען כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען
אַזוי־אָ אַ רייץ צו טאָן זיך
אין דער פאַר־אָוונטיקער שעה?

ס׳איז אַזאַ שיינער פאַרנאַכט,
די זון רוקט־זיך שקיעה׳דיק אַרונטער
ביים ים מערב׳דיק אין רויטע, פלאַמענדיקע ווייטן;
דאָרט אויבן אין די אמת׳ע מרחקים,
און איך תפילה־אוים מיינע שטילע תחנונים
איינער אליין, בין־השמשות׳דיק און ממעמקים.
ס׳ווערט פינצטערער און טונקעלער וואָס גיכער
און גיכער, ווי מ׳וואָלט געבלעטערט אַ ספר
און אויפגעמישט דעם לעצטן בלאַט;
אַ טאָג נאָך אַ טאָג לעשט זיך אוים
און פאַרשווינדט אויף אייביק, סלה!

כ׳וויים נישט פאַרוואָס, נאָר מנחה־צייט ווער איך אַלעמאָל
פרום און גלייביק; כ׳זע די שטראַלן פון טאָג
זיך אַלע אינאיינעם צונויפהויפן — — —
נישטאָ וואוהין צו אַנטלויפן,
וואוהין צו גיין איינער אַליין...
מאָנאָטאָנע פוסטקייט נודיעט
שרעקלעך מיין עלנט געביין.

דער האָריזאָנט טונקלט זיך און קוקט־אוים
ווייטער און ווייטער, און ווייטער — — —
ס׳קומט צורייטן אין געפּלי
אַ מאָדנער, אומפאַרשטענדלעכער רייטער

פון גאָר ווייט, ווייט, און קוקט אויף מיר
פון אַ זייטיקער זייט — — —
און זאָגט: „געדענקסט?
מיר'ן געמיינט, אַז מיר'ן אַלעמאָל זיין אַזוי ווי מיר זיינען . . .
נאָר ליידער, איז עס ניט אַזוי . . .
זיי מיר געזונט!"
אָפּגערעדט און אָפּגעזאָגט איז דער רייטער
אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער
ביז ער איז פאַרשוואונדן.

די זון אין מערב-זייט איז נאָך אַלץ צעצונדן,
און שטראַלט-אַרויף ווי אַמאָל, גאָר אַמאָל, אין דער יוגנט-צייט.
ס'איז גוט צו זען ווי אין מערב-זייט פאַרגייט זי, די זון
וואָס דערנערט, שפייזט, מונטערט און שטאַרקט מיך —
זי איז געוואַלדיק גרוים און שיין, אפילו ווען
זי האַלט אין פאַרגיין.
איך, אָבער, כ'בלייב אַליין, נאָר איר פאַרנאַכטיקער שאָטן
קומט צו מיר צוגיין.
דוכט זיך מיר דאָן, אַז כ'בין נישט אַליין.
ס'איז אַ שיינער פאַרנאַכט,
נאָר א י י ן ג אָ ט האָט אים אַזוי געמאַכט.

צ ב י ש ט אָ ק

אַ מעשה־נורא וועגן קאָזשעניצער מגיד

(חסידישער מאָטיוו)

(לויט׳ן ספר׳ל „מעשיות מהגדולים והצדיקים”)

אויף אַ באַרג הינטער קאָזשעניץ איז זיך די מעשה פאַרלאָפן.
אָנהויב ניסן דעם חודש — אין אַ מוצאי־שבת־קודש,
האָט זיך די מעשה געטראָפן.

— טו־אַפּ, רבונו־של־עולם, פון אונדז אַלע גזירות קשות,
ס׳איז אַ טונקעלער שבת־פאַרנאַכט,
אַ שלוש־סעודות׳דיקער בין־השמשות.

ס׳איז נישט נאַכט, און נישט טאָג,
חסידים זיצן און וואַרטן
אויף ר׳ ישראל׳עניום אַ זאָג.
מיט אידישע צרות די הערצער זיינען פולע,
נאָר איצט גייט צו פסח, ס׳איז דער חודש פון גאולה . . .

און פּלוצים, דער רבי טוט אַ מאַך
מיט דער האַנט — — —
די שאָטנס, זיי שפּרייטן זיך
לאַנגע אויף דער וואַנט.

„נישטאָ פון א י ם קיין ליידיק אָרט!
אַפּריער זיין מחשבה, דערנאָך ז י י ן וואָרט!”

פאַר זיין כבוד וועגן
האָט ער באַשאַפן דעם בשר־ודם,
אין מלך בלא עם!
„און ס׳זאָל, חלילה, נישט קומען אַזאַ פינצטערע שעה,
אַז מיר זאָלן, חס־ושלום, נישט דינען אים אונטן, דאָ

אונדזערע תפילות, רבש״ע, מן־המיצר, פּאַרנעם,
אַזוי פלעגט דאָך זאָגן דער הייליקער בעל־שם״.

דער רבי ציטערט־אויף: טאַטע, טאַטע!
כל־זמן ס׳איז פאַראַן „אתערותא דלתתא״
וועט שוין זיין ממילא „אתערותא דלעילא״.

ס׳איז שוין נאָך מעריב, נאָכ׳ן שמש׳ס
בשמים־פייערדיקער, הויכער הבדלה,
דער שבת־קודש גייט אַוועק,
ס׳איז פון וואָך די התחלה.

די חסידים, זיי האָבן קוים באַנומען
דעם קאָזשעניצער׳ס הייליקע כוונה,
און אַלע זיינען אַרויס אינאיינעם מיט׳ן רבי׳ן
צו דער בלויער קידוש־לבנה.

ווען אידן מיט ערלעכער, אמת׳ער כוונה
אין דער מיסטישער בלויקייט
זיינען מחדש די לבנה,
קוקט אַלץ אויס ווי אין בלוי־ווייסער חלום.

היינט נאָך ביי חסידים,
ווי אַלע וואָלטן קומען
פון ווייטע ירידים —
שלום עליכם, עליכם שלום!
מאַכט זיך, ס׳פאַלט אַריין אַ גוי,
איז ווי אין סוכה אַ יוון —
„בגדול זרועך ידמו כאבן!״

מ׳זינגט און מ׳זאָגט, ס׳דוכט זיך, ס׳טאָגט!
ס׳איז עטלעכע טעג נאָכ׳ן מולד דעם נייעם:
— דוד מלך ישראל חי וקים!

ארום-און-אַרום די חסידים, זיי מורמלען,
זיי ברומען — — —
ס'דוכט זיך, משיח,
אַט האַלט ער אין קומען.

נאָר פלוצים — האַלט!
פון אַ דערבייאיקן וואַלד
האָט איינער פון מיטן אַ כאַפּטע באַנדיטן די עדה אידן דערזען,
און אַזוי איז די מעשה געשען:

ווי נאָר זיי האָבן אין-דער-פינצטער דערזען
די „קידוש-לבנה-אותיות",
האָבן זיי גענומען אין זיך גיסן איינס-נאָך-איינס
דעם „ביטערן טראָפּן" פון כוסות.

און שיכור'ערהייט אָנגעהעצט זייער הויפּט-באַנדיט, דעם שררה:
— לאָמיר זיך אַ שפּיל-טאָן מיט די דאָזיקע „זשידקעס",
לאָמיר ברענגען אויף זיי אַ צרה!

און זיי זיינען זיי באַפאַלן מיט שטעקנס און מיט העק,
אַלע אידן זיינען אַנטלאָפן וואו די וועלט האָט אַן עק.

נאָר דער רבי, ער שטייט און איז מחדש די לבנה
אין טיפע רעיונות און מיט גרויס כוונה.

און אָט גייט-צו אים צו דער הויפּט-באַנדיט —
מיט אַ פרעכן פּנים און מיט שפּאַרנדיקע טריט.

אָן שום ציטער, אָן שום מורא, שטייט דער רבי פאַרטיפט
אין די הייליקע כוונות פון דער תורה.

דער רוצח אין זיינע שפּאָרן טוט, רחמנא לצלן, אַ שפּיי
מיט אַ ברענענדיקן צאָרן,
און מיט אַ בייז געשריי דערביי,
און ער טוט נאָך דערצו אַ „מגושמ'דיקן גרעפּץ:
„דו אַלטער, נאַרישער „זשידאָווסקי שעפּס!"

דער רבי בלייבט שטיין, קוקט אים גלייך אין די אויגן.
גלייך ווי גאָרנישט וואָלט געשען;
ס׳איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

דער באַנדיט בלייבט פאַרשטיינערט
און פאַרשטומט אויף זיין אָרט —
ער קען זיך נישט אַ ריר טאָן,
קען נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

דער רבי האָט געענדיקט און איז געגאַנגען אַהיים.
דער רוצח איז געליימט געוואָרן געוואָרן — איין שטיק ליים!

זיינען געקומען עטלעכע רויבער צום רבי׳ן צו לויפן,
דעם רשע-מרושע פון זיינע זינד ביים צדיק אויסקויפן.

זיי זיינען געפאַלן דעם רבי׳ן צו די פיס, פאַרשעמטע,
ער זאָל זייער פירער אויסהיילן זיינע פיס די געליימטע.

האָט דער רבי געזאָגט: „פאַר זיין פרעכן שפּיי
קען איך אים מוחל-זיין נאָר בזה התנאי:
„אַז נישט נאָר ע ר, נאָר ער זאָל אויך פאַרזאָגן אַלע סאָרטן שררות,
אַז זיי זאָלן מער קיין אידן נישט אָנטאָן קיין צרות.

„אַז מ׳זאָל קיינמאָל נישט מאַכן די אידן צו שפּאָט,
נאָר אויף אַזאַ אופן קען איך פאַר אים בעטן צו גאָט.

„נעם דיר גוט אין זינען, געדענק, רשע, געדענק!
נאָר אַזוי וועסטו געהיילט ווערן פון דיין געליימטער קרענק!"

די לבנה איבער קאָזשעניץ איז געשטאַנען בלוי און הויך,
און אַלע האָבן געזען דעם נס פון קאָזשעניצער׳ס כוח.

ויפתח ה׳ את פי הבאַנדיט,
און ער האָט פאַמעלעך גענומען שטעלן עטלעכע טריט.

און ער האָט געגומען באַוועגן מיט זיינע ליפּן קוים:
„איך שווער ביי אַלץ וואָס איז מיר טייער און ביים „פּאַטערל" אין רוים,
אַז פון היינט-אָן ביז'ן צענטן דור
זאָל מען קיין אידן ניט טשעפּען אויף קיין איינציקער האָר,
אַבי כ'זאָל נאָך קענען רעדן, שטיין און גיין —
כ'שווער ביים הייליקן „יויזל" אַליין!"

„נ י י ן!" — זאָגט דער רבי, שווער ביי גאָט אַליין,
און ווי נאָר דער רשע האָט עס געטאָן —
האָט ער אָנגעהויבן גיין.

און פון דאַן-אָן האָט ער געטאָן אַ סך טובות אידן,
געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקענט זיי זאָלן זיין צופרידן.

און ביים סוף פון אָט-דער מעשה
לאָמיר אַלע אינאיינעם זאָגן:
„זאָל דער קאָזשעניצער מגיד
פאַר אונדז אַ גוטן זכות טראָגן".

ווי באַהעפט מען זיך אין דיר, גאָט?

דער „שויתי" מוז נישט הענגען דווקא אויף דער וואַנט,
אז מ'טראָגט אים אין הארצן, קען מען אים אויך טראָגן,
— — — גאָר פשוט, אין דער האַנט.
ווען מ'זיצט אין דער היים, ווען מ'לייגט זיך שלאָפן און
— — — און ווען מ'לאָזט זיך אַרויס אין וועג.

פאַראַן אַ ספר'ל אַ קליינס, אַ צאַצקעלע, אַ זאַכעלע —
ווי דער טל־ומטר אין אַ קליין סידור'ל — אַ תנ"כ'עלע . . . .
וואָס גייט מיט דיר אַרום גלייך, משופּע'דיק און קרום
אויף אַלע דיינע וועגן — או — מע — טום . . .
אַ צווייטער וועג איז: — תלמידי־חכמים,
ווער נאָר אַזעלכע פריינט עס האָט —
דער קאָן דורך זיי זיך באַהעפטן אין גאָט
און די אמת'ע דביקות קומט שוין ממילא אַרויס
וואו מ'זאָל נישט גיין און וואַנדערן
וועלט־איין — און וועלט־אויס.

ממעמקים...

ממעמקים — פון די טיפענישן פון די ים'ען
רופן אידן דיך אַצינד, אָ, גאָט:
עס ווועלן שונא'ס אייזן-פעסטע צאָמען
ניט פאַרהאַלטן אונדזער שטאַרקן טראָט!

ממעמקים — פון די טיפענישן פון תהומות
רופן אידן דיך אין גורל'דיקער שעה:
צוויי טויזנט יאָר געטרייסט זיך מיט חלומות,
מיר שטייען אַלע גרייט צום קאַמף, מיר זיינען דאָ!

ממעמקים — פון די טיפענישן פון די קברים
שרייט צו אונדז דאָס בלוט פון זעקס מיליאָן:
איר מוזסט מיט שטאַרקער האַנט, מיט אויסגעשטרעקטן אָרעם
אַרויפציען איבער ציון אונדזער פאָן!

ו. פון דער מאַמע'ס סידור

נשמת

(אַ תפילה פון סידור)

(געווידמעט מיין מאַמע'ן, פרומע)

די נשמה פון יעדן לעבעדיקן וועזן טוט דיין נאָמען בענטשן און לויבן
גאָט אונדזער האַר ;
און דער אָטעם-צוג פון איטלעך לייב טוט דיין נאָמען רימען
און דערהויבן
אַלעמאָל, אין צייט פון רו און פון געפּאַר.

פון אייביק-אָן ביז אייביק ביסטו גאָט ;
און אויסער דיר האָבן מיר
קיין קעניג וואָס דערלייזט און העלפט און שפּייזט און דערבאַרימט זיך,
נאָר דו מיט דיין גענאָד.

דו דערלייזסט און האַטעוועסט, און שפּייזסט און דערבאַרימסט זיך
אין יעדער צייט פון נויט און פּיין,
מיר האָבן קיין אַנדער קעניג וואָס העלפט און שטיצט, נאָר דו
ביסט תמיד געווען, דו ביסט און וועסט אַלע מאָל זיין.

דו ביסט דער האַר פון די ערשטע דורות,
וואָס זיינען שוין לאַנג פאַרגאַנגען,
דער האַר פון אַלע באַשעפענישן ;
דו, וואָס ווערסט געלויבט מיט אַלע לויב-געזאַנגען,
דו, וואָס פירסט דיין וועלט מיט חסד
און דיינע באַשעפענישן אין שוים פון רחמים האַלטסט געפאַנגען.

און גאָט איז וואַך, ער טוט ניט שלאָפן און דרימלען
אין אַלע העכסטע הויכע הימלען.
וואָס וועקט טיף-שלאָפנדיקע און מאַכט וואַכזאַם דרימלענדיקע ;

און מאַכט רעדן שטומע ;
און בינדט־אויף געבונדענע,
און גלייכט־אויס קרומע ;
און אַנטפּלעקט פאַרשוואונדענע ;
און לענט־אונטער די וואָס פאַלן
אין אַלע נויטן און אומגליק־פאַלן.

דו אַליין, גאָט, ביסט דערהויבן,
נאָר דיך אַליין טוען מיר לויבן.

ווען אונדזער מויל וואָלט געווען פול מיט געזאַנג ווי דער ים,
און אונדזער צונג ווי דאָס גערויש פון די כוואַליעס אין דיין צאָם ;
אונדזערע ליפּ פול מיט לויב ווי פון אויסשפּרייט די געראַמען
און אונדזערע אויגן וואָלטן לייכטן ווי די זון און לבנה אין פלאַמען,
אונדזערע הענט אויסגעשפּרייט ווי הויך־פליענדיקע אָדלערס
מיט כוונה און תפילה,
און אונדזערע פיס וואָלטן געווען גרינג ווי גיך־לויפנדיקע הינדינס
אין פאַרבאָרגענישן שטילע,
וואָלטן מיר אַלץ ניט אוספּייעט און אימשטאַנד געווען
צו דאַנקען דיר, גאָט,
און צו לויבן דיך פאַר דיין גענאָד.
פאַר איינער פון די טויזנט מאָל צען טויזנטער און פיל מיליאָנען טובות,
נסים און וואונדער וואָס דו האָסט געטאָן מיט אונדזערע עלטערן און
מיט אונדז, —
גאָר אַמאָל, פון מצרים, האָסטו אונדז דערלייזט, גאָט, אונדזער האַר,
און פון שקלאַפן־הויז האָסטו אונדז אויסגעלייזט, פון גרויס געפאַר.
אין הונגער האָסטו אונז געשפּייזט און אין דער זאַטקייט האָסטו אונדז
ביים לעבן דערהאַלטן ;
פון דער שווערד האָסטו אונדז געראַטעוועט,
און פון דער פּעסט האָסטו אונדז געמאַכט אַנטרינען ;
און פון פיל קראַנקהייטן, שלעכטע און געפערלעכע
האָסטו אונדז געטאָן דערהויבן ;

דאַרום דאַרפֿן מיר דיך שטענדיק דינען
און דיין הייליקן נאָמען לויבן.

ביז אַהער האָט אונדז דיין דערבאַרעמקייט געהאָלפֿן,
און דיינע חסדים האָבן אונדז ניט געטאָן פֿאַרלאָזן;
גאָט, אונדזער האַר,
אין צייט פֿון רו און פֿון געפֿאַר.

דו ביסט באַגלויבט און מיר זיינען גלייביק,
און דו זאָלסט אונדז ניט פֿאַרלאָזן, גאָט, אונדזער גאָט אויף אייביק.

דאַרום, די גלידער וואָס דו האָסט געטאָן אין אונדז איינטיילן
טוען אַלע דיינע שבחים, נסים און וואונדער דערציילן.
דער אָטעם־צוג וואָס דו האָסט אַריינגעטאָן אין אונדזערע נאָז־לעכער
און די צונג וואָס דו האָסט אַריינגעלייגט אין אונדזער מויל
באַווייזן אַז דער מענטש וואָס שטרעבט צו דיר אַלץ העכער
ווי גוט איז אים און וואויל.

זיי, די איברים, טוען דאַנק דיר דאַנקען, דיך בענטשן און לויבן;
דיך רימען, און באַזינגען און דערהויבן.
זיי טוען דיך פֿאַרערן און פֿאַרהייליקן אומעטום,
און זיי מאַכן קיניגן דיין נאָמען, אונדזער קעניג, אַלעמאָל —
אויף ישוב, אין וויסטעניש, אויף ווייטסטע ים׳ען,
אויף פֿעלד, אין וואַלד, אויף באַרג און טאָל.

ווייל יעדעס מויל טוט דיך לויבן,
און יעדע צונג טוט צו דיר שווערן,
און יעדעס אויג טוט אויף דיר אַרויסקוקן,
און יעדע קני טוט קניענדיק דיך ערן,
און יעדע הויכקייט וואָס איז דערהויבן
טוט זיך צו דיר בוקן.

און אַלע הערצער טועו דיך פּירכטן,
און אַלע אינגעווייד און נירן
טוען זינגען צו דיין נאָמען,
דיין הייליקן, און שיינעם און ליבן;
ווי עס שטייט געשריבן:
אַלע מיינע איינצלנע ביינער
זאָגן, גאָט איז איינער;
פון אָרים צי פון רייך
ווער איז צו דיר גלייך?!

דו ראַטעוועסט דעם אָרימאַן פון דעם שטאַרקערן פון אים
און דעם עני ואביון פון זיין רויבער.
דעם וויי־געשריי פון אָרעמעלייט טוסטו דערהערן,
דאָס געשריי פון געפּאַלענעם פאַרנעמסטו און העלפסט אים.

ווער איז צו דיר ענלעך? און ווער קאָן זיך צו דיר גלייכן?
און ווער קען זיך שאַצן אין דיין ווערט?
דו גרויסער, שטאַרקער און פורכטיקער גאָט,
דו אייבערשטער גאָט, באַשאַפער פון הימל און ערד?

דארום טוען מיר דיך לויבן, רימען און באַשיינען,
מיט תפילה און לויב דיין נאָמען באַקריינען,
ווי עס ווערט געזאָגט:
צו דוד'ן, לויב גאָט, מיין זעל,
און מיין גאַנץ אינגעווייד
זיין הייליקן נאָמען.

באַמערקונג: וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער תפילה „נשמת" זיינען דאָ פאַרשיידענע השערות. זיי גייען אַזוי וויט, די גוי'אישע פאָרשער און אידיש־גוי'אישע קריטיקער, אַז זיי זיינען אַזש מייחס די תפילה צו שמעון־פּעטרוס דעם אַפּאָסטאָל. די דאָזיקע מיינונג איז זיכער אַ פאַלשע. אין סידור „עבודת ישראל", הוצאת שוקן, שטייט געשריבן, אַז די תפילה האָט מען מתקן געווען אין דער צייט פון דער משנה אַז אַ טייל פון איר האָט מען געזאָגט ווען מען פלעגט בעטן אויף רעגן (ברכת הגשמים), אַז איר פאַרפאַסער טיילווייז איז געווען שמעון בן כיפא, און אַ טייל זאָגן, אַז שמעון בן שטח. צ. ש.

אֵל אָדוֹן

(אַ לויב געזאַנג)

גאָט, דער האַר איבער אַלע מעשים,
איז געאַכפּערט און געבענטש
אין מויל פון אַלעם וואָס לעבט —
מיט זיין גרויסקייט און גוטסקייט
איז ער פול אומעטום ;
וויסן און פאַרשטאַנד
רינגלען אים אַרום.

ער, וואָס גרויסט זיך
איבער די הייליקע מלאָכים
און ווערט געפּראַכטיקט מיט כבוד
איבער דער מרכבה ;
בארעכטיקונג און רעכטפאַרטיקייט
זיינען פאַר זיין הייליקן שטול —
מיט גענאָד און רחמים
איז זיין פּראַכטיקייט פול.

גוט זיינען די ליכטער
וואָס אונדזער האַר האָט באַשאַפן,
ער האָט זיי געפורעמט מיט וויסן,
מיט שכל און פאַרשטאַנד ;
קראַפט און שטאַרקייט
האָט ער אין זיי אַריינגעגעבן
זיי זאָלן הערשן אין גאַנצן באַשטאַנד.

זיי זיינען פול מיט לויטערקייט
און גיבן אַרויס ליכט ;

שיין איז זייער פּראַכט
אין דער גאַנצער וועלט;
זיי זיינען פריילעךביים אויפגאַנג
און פריידיק ביים אונטערגאַנג,
זיי טוען מיט פורכט
וואָס זייער באַשעפער זיי באַפעלט.

פּראַכט און כבוד טוען זיי געבן זיין נאָמען,
הילכיקייט און געזאַנג צום אָנדענק
פון זיין קיניגרייך;
ער האָט גערופן די זון
און ס'האָט אויפגעשיינט אַ ליכט,
ער האָט געזען און האָט אָנגעברייט
פון דער לבנה דאָס געזיכט.

אַ לויב טוען אים געבן אַלע
הערשאַפטן פון אויבן;
די שרפים און אופנים און הייליקע מלאָכים
טוען אין שיינקייט און אין גרויסקייט
זיין ליבן נאָמען לויבן.

ידיד נפש

(אַ תפילה)

מיין פאָטער, משה לייב, נ״ע

י — זעלישער פריינט, דערבאַרעמדיקער פאָטער,
ציִ־צו דיין קנעכט צו דיין ווילן. —
זאָל לויפן דיין קנעכט ווי אַ הינד,
זאָל ער זיך בוקן אַנטקעגן דיין פּראַכט
זיין דורשט צו שטילן.

זאָל אים זיין אָנגענעמער דיין פריינטשאַפט
פון זיס־טריפיקן האָניק און פון יעדן
גוטן טעם.

ה — פּראַכטיקער, שיינער, לויטערקייט פון דער וועלט, —
מיין זעל איז קראַנק פון ליבשאַפט צו דיר,
איך בעט דיך, גאָט, הייל זי אויס
ווייזנדיק איר די ליבלעכקייט פון דיין וועזן;
דאַן וועט זי זיך שטאַרקן און ווערן גענעזן,
און האָבן די אייביקע פרייד וואָס איר פעלט.

ו — געטרייער, זאָל זשע דיין רחמים ברומען.
באַשיץ, איך בעט דיך, דיין געליבטן זון, דיין וואַוילן;
שוין לאַנג אַז איך האָב געטאָן גלוסטן
צו זען דעם רום פון דיין שטאַרקער מאַכט.
צו דעם אַלעמען טוט מיין האַרץ גאַרן,
טאָ האָב־זשע רחמנות און טו זיך ניט פאַרהוילן.

ה — אַנטפּלעק זיך, איך בעט, און פאַרשפּרייט
מיין געליבטער, איבער מיר, דיין סוכה פון שלום;

זאָל די ערד באַלויכטן ווערן פון דיין פּראַכט,
און לאָמיר זיך פרייען מיט דיר אין גרויס פרייד.
אייל זיך, געליבטער, שוין געקומען די צייט;
מיר קוקן אַרוים אויף דיר אויף איטלעכן וועג,
לייטזעליק אונדז ווי אין די אַמאָליקע טעג.

דער מחבר פון „ידיד נפש״, מיט׳ן אַקראָסטיך פון שם־הויה, איז געווען ר׳ אלעזר (אָדער אליעזר) אזכרי (אזקרי), רב, מקובל און מחבר פון ספר „חרדים״, וועלכער האָט געלעבט אין 15טן יאָרהונדערט. ער איז געווען אַ מיטצייטלער פון אר״י הקדוש. איז אויך געווען אַ תלמיד פון יוסף סאגיס און אַ מוסמך פון ר׳ יעקב בי־רב. אַ צייט לאַנג האָט מען עפ״י טעות מייחס געווען די דאָזיקע שיינע תפילה צו ר׳ יהודה הלוי אָדער צו ר׳ ישראל ניאגרה. צ. ש.

אנעים זמירות

(שיר הכבוד)

עברי־טייטש

געווידמעט מיין פּאָטער, משה לייב, ג״ע

איך מאַך ליבלעך געזאַנגען און לידער טו איך וועבן,
ווייל צו דיר טוט מיין זעל גלוסטן און שטרעבן.

מיין זעל גלוסט צו זיין אין שאָטן פון דיין האַנט
צו דערגיין יעדן אָנזואונק פון דיינע סודות מיט פאַרשטאַנד.

ווען איך רעד נאָר פון דיין כבוד וועגן
טוט מיין האַרץ נאָך דיין ליבשאַפט זיך רעגן.

דאַרום טוט איך וועגן דיר מיט גרויס כבוד ריידן;
דיין נאָמען מיט פריינטשאַפט־לידער באַשיידן.

איך דערצייל אויס דיין פּראַכט און זען דיך, איך זע ניט;
איך אָן דיך און רוף דיך און פאַרשטיין דיך, איך קען ניט.

דורך דיינע נביאים, אין געהיים־ראָט פון דיינע קנעכט
האָסטו געשילדערט דעם אָפּגלאַנץ פון דיין פּראַכט וואָס איז עכט.

דיין גרויסקייט און שטאַרקייט יעדע באַזונדער
רופן־אויס די תקיפות פון דיינע מעשים און וואונדער.

זיי האָבן דיך געאָנט, אָבער ניט לויט דיין „יש״,
דיך געגליכן צו דיינע מעשים פון אומענדלעכער גרייס.

געזען דיך אי אַלט, אי יונג אַזוי;
די האָר פון דיין קאָפּ — אי שוואַרץ, אי גרוי.

אַלטקייט ביים דין און יוגנט אין קריג;
ווי אַ מאַן פון מלחמות זיינע הענט פול מיט זיג.

מיט אַ קיוּוער פון הילף איז זיין קאָפּ אומגעבונדן;
זיין רעכטע האַנט און אָרעם מיט הייליקייט געצונדן.

מיט ליכטיקן טוי איז זיין קאָפּ אָנגעפילט;
זיינע לאָקן אין טראָפּנס פון נאַכט — איינגעהילט.

ער רימט זיך מיט מיר, ווייל ער טוט נאָך מיר גאַרן,
ער וועט מיר זיין ווי פון שיינקייט אַ קרוין פאַר די האַרן.

דאָס געשטאַלט פון זיין קאָפּ איז ווי פיין־גינגאָלד גאַנץ;
אויף זיין שטערן געקריצט איז זיין נאָמען אין גלאַנץ.

מיט צדק און שיינקייט, און פראַכטיק באַוואָוינט
טוט ער אויפגיין אויבנאָן ביי זיין שמחה געשוינט.

ווי אין די טעג פון דער יוגנט די צעפּ פון זיין קאָפּ;
זיינע לאָקן געקרייזלט און שוואַרץ ווי אַ ראָב.

זיין אויסדערוויילטע זאָל זיין אַ קרוין אין זיין האַנט;
אַ דיאַדעמע פון חן און אַ קינילעכער באַנד.

ער וויל גערן זיין פאָלק, טוט באַשיידענע באַשיינען;
זיצט אין ליבּ־געבעטן זיך מיט זיי צו באַקריינען.

די באַלאָדענע האָט ער געטראָגן מיט אַ קריינדל באַצירט;
ליב אין זיינע אויגן זיי מיט כבוד געפירט.

מיין שיינקייט איז אויף אים און זיין שיינקייט אויף מיר;
ווען נאָר איך רוף אים איז ער נאָענט צו מיין טיר.

לויטער און רויט איז זיין קלייד געווען רויט;
אַ קעלטער ווען ער האָט געטראָטן פון אדום אין נויט.

אַ קשר פון תפילין האָט ער דעם עניו געוויזן;
דאָס אָפּבילד פון גאָט צו זיינע אויגן באַוויזן.

דיין זיגל־וואָרט, אמת, רופט פון באַגינען;
אָ, זוך דיין פאָלק אין יעדן דור וואָס טוט דיך באַזינגען.

דאָס געברום פון מיינע פיל לידער, איך בעט דיך, נעם־אָן;
זאָל מיין געזאַנג גענענען אַזש ביז צו דיין טראָן.

מיין לויב אויף דיין קאָפּ ווי פיל קרוינען אָן צאָל,
און מיין תפילה נעם־אָן ווי די קטורת אַמאָל.

זאָל דיר ליב זיין דאָס געזאַנג פון אָרימאַן ווי מתנות;
ווי דאָס ליד וואָס ווערט געזונגען אויף דיינע קרבנות.

זאָל מיין בענטשונג אויף דעם קאָפּ פון דעם אַלץ־שפּייזער שטייגן;
וואָס באַשאַפט דעם שטאַרק־גערעכטן זיינע וועגן אָנצוצייגן.

צו מיין בענטשונג נייג דיין קאָפּ ווי צום געבעט פון צדיק תמים;
און נעם זי אָן ווי די טייערסטע בשמים.

זאָל זיין אָנגענומען און זים מיין געבעט און מיין שיר;
ווייל מיין זעל טוט בלויז גלוסטן און שטרעבן צו דיר.

צו דיר גאָט, איז די גרויסקייט, שטאַרקייט, פּראַכטיקייט אייביקייט און גלאַנץ;

צו דיר, גאָט איז דאָס קיניגרייך און דו דערהייבסט זיך איבער אַלץ און אַלעמען, און ביסט גאַנץ.

ווער קאָן דערציילן די שטאַרקייטן פון גאָט,
לאָזן הערן זיין גאַנצע לויב וואָס ער האָט?

באַמערקונג: דער שיר הכבוד איז מיוחס צו רבי יהודה החסיד מרעגנסבורג. צ. ש.

לכה דודי

קום מיין פריינט, קעגן דער כלה דיין,
לאָמיר דעם שבת מקבל-פנים זיין.
אפּהיטן און געדענקען אין איין געבאָט
האָט אונדז געלאָזט הערן דער געאיינציקטער גאָט;
גאָט איז איינער און זיין נאָמען איז איינער,
צו זיין שיין-געלויבטן נאָמען איז נישט גלייך קיינער.
קום, מיין פריינט . . .

אַנטקעגן דער מלכה שבת קומט, לאָמיר גיין,
ווייל זי איז דער קוואַל פון בענטשונג אַליין;
פון אָנהויב, פון אַמאָל, געקרוינט אין איר ציר,
דער סוף פון אַ טאָט מיט אַ מחשבה אַפריער.
קום, מיין פריינט . . .

דו, הייליקטום פון קיניג, מלוכה-שטאָט גרויס,
שטיי-אויף, גיי אַמאָל שוין פון הורבן אַרויס;
גענוג דיר שוין צו זיצן אין דעם יאָמער-טאָל;
און ער, גאָט, וועט זיך דערבאַרעמען איבער אונדז ווי אַמאָל.
קום, מיין פריינט . . .

טרייסל-אָפּ זיך פון שטויב, שטיי-אויף, —
טו-אָן דיינע פּראַכטיקע קליידער, מיין פאָלק;
דורך דעם זון פון ישי, בית-לחם, דער שטאָט,
גענען צו מיין זעל, דערלייז זי, אַ, גאָט!
קום, מיין פריינט . . .

דערוואַך, דערוואַך, דיין ליכט קומט-אָן;
שטיי אויף באַשטראַלט מיט ליכט אויף דיין טראָן.
וואַך-אויף, וואַך-אויף, רעד מיט געזאַנג,
גאָט'ס פּראַכט איבער דיר האָט אַנטפּלעקט זיך שוין לאַנג.
קום, מיין פריינט . . .

שעם זיך נישט, און ווער נישט פאַרשעמט,
וואָס בויגסטו זיך אָן, און ברומסט אַזוי פאַרקלעמט.
אין דיר טוען זיך שיצן מיין פאָלק׳ס אָרעמעלייט
און די שטאָט וועט ווידער ווערן געבויט און באַנייט.
קום, מיין פריינט . . .

און אַלע דיינע רויבער וועלן ווערן צו רויב;
אַלע דיינע פאַרדאַרבער — דערהווייטערט צו שטויב!
עס וועלן זיך פרייען איבער דיר גאָט און אַלע,
ווי עס פרייט זיך אַ התן איבער זיין כלה.
קום, מיין פריינט . . .

רעכטס און לינקס זאָלסטו זיך שטאַרקן און שפּרייטן,
און גאָט צו פאַרערן זאָלסטו זיך גרייטן;
דורך דעם מאַן, דעם זון פון פּרץ־שטאַם,
און לאָמיר זיין לוסטיק און פריילעך אָן צאַם.
קום, מיין פריינט . . .

קום אין פרידן, דעם מאַנ׳ס קרוין־געשאַנק,
אויך מיט פרייד און מיט הילכיקן געזאַנג,
צו דיין אויסדערוויילט פאָלק, די גלויביקע אַלע,
קום־זשע, כלה, קום־זשע, כלה.
קום, מיין פריינט . . .

באַמערקונג: דעם דאָזיקן שיר לכבוד שבת האָט פאַרפאַסט, ווי מיר זעען עס אין אַקראָסטיך, שלמה הלוי אלקביץ, אַ תלמיד פון אר״י ז״ל; דאָס דאָזיקע ליד פלעגט געזונגען ווערן אַלע פרייטיק פאַרנאַכט, ווען דער אר״י מיט זיינע תלמידים פלעגן זיך אָנטאָן אין ווייסן און אַרויסגיין אין די בערג מקבל־שבת־זיין.

יגדל

(אַ תפילה)

זאָל זיך גרייסן גאָט, וואָס לעבט, און זאָל געלויבט ווערן;
ער געפינט זיך און ס׳איז נישטאָ קיין צייט צו זיין געפונען ווערן.

ער איז איינער, און ס׳איז נישטאָ קיין איינציקער ווי זיין איינציקייט;
ער איז פאַרהוילן, און ס׳איז אויך נישטאָ קיין סוף צו זיין איינקייט.

ער האָט נישט קיין קערפּער־געשטאַלט
און ער איז נישט קיין גוף;
מ׳קען אים נישט שאַצן לויט דער הייליקייט
וואָס ער אַנטהאַלט.

ער איז דער ערשטער צו איטלעכער זאַך וואָס איז
געוואָרן באַשאַפן;
דער ערשטער, און ס׳איז נישטאָ אַזאַ ערשטקייט.
ווי זיין ערשטקייט.

ער איז דער האַר פון דער וועלט;
צו יעדן באַשאַפן געוואָרענעם
טוט ער זיין גרויסקייט און קיניגרייך באַווייזן;

די שפע פון זיין נבואה
האָט ער געגעבן צו זיינע באַליבטע מענטשן
און פּראַכטיקע.

ס׳איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען אין ישראל ווי משה,
אַזאַ נביא, וועלכער האָט געזען גאָט׳ס געשטאַלט.

אַ תורה פון אמת האָט ער געגעבן זיין פאָלק, גאָט,
דורך זיין נביא, דעם געטרייען פון זיין הויז.
ער וועט נישט אויסבייטן, גאָט, און ער וועט נישט
פאַרבייטן זיין געזעץ אויף אייביק, צו קיין אַנדערן.

ער קוקט און ווייסט אונדזערע פאַרבאָרגעניש'ן,
ער זעט דעם סוף פון אַ זאַך אין זיין אָנהויב;
ער פאַרגעלטיקט צו אַ מענטשן געגנאָד
לויט זיין טאָט איז,
ער גיט דעם רשע אָפּ שלעכטס
לויט זיין רשעות.

ער וועט שיקן אין דער רעכטער צייט
זיין משיח
אויסצולייזן די וואָס וואַרטן אויפ'ן סוף,
אויף זיין הילף;
די געשטאָרבענע וועט ער לעבעדיק מאַכן,
גאָט, מיט זיין פיל גענאָד;
געבענטשט איז ביז אייביק זיין געלויבטער נאָמען.

באַמערקונג: דאָס דאָזיקע לויב־געזאַנג איז געבויט אויף די י״ג (13) עיקרים פון „אני מאמין״. דער מחבר פון דער תפילה „יגדל״ הייסט, לויט שד״ל, אין מבוא ז׳, 18, און לויט יום טוב ליפּמאַן צונץ אין זיין ליטעראַטור געשיכטע זייט 507, דניאל בן יהודה דיין (דער זיידע פון באַרימטן רב פון טיוואָלי, דניאל בן שמואל הרופא), וועלכער האָט געלעבט אין 14טן יאָרהונדערט אין רוים.

צ. ש.

בריך שמיה

גענבענטשט איז דער נאָמען פון האַר פון דער וועלט,
געבענטשט איז דיין קרוין און דיין אָרט;
זאָל זיין דיין פריינטלעכער ווילן מיט דיין פאָלק ישראל
אויף אייביק און אויף אַלעמאָל.

און די דערלייזונג פון דיין רעכטער האַנט
באַווייז דיין פאָלק אין דיין הייליקן הויז,
און זאָלסט אונדז מאַכן דערגרייכן
פון דער גוטסקייט פון דעם ליכט
וואָס שטראַלט פון דיר אַרויס.

און זאָלסט אָננעמען אונדזער געבעט מיט רחמים.

זאָל זיין דער ווילן פאַר דיר, אַז דו זאָלסט אונדז
פאַרלענגערן ס׳לעבן אין גוטסקייט;
און אַז איך זאָל זיין פאַררעכנט צווישן די גערעכטע
צו דערבאַרעמען זיך איבער מיר
און אָפּהיטן מיך און אַלעס וואָס איז צו מיר,
און אַלעס וואָס דיין פאָלק ישראל האָט פון דיר.

דו ביסט דאָך אַלעמענ׳ס שפּייזער,
און דו טוסט אַלעמען ביים לעבן דערהאַלטן.
דו טוסט איבער אַלעמען שאַלטן
דו געוועלטיקסט איבער מלכים
און דאָס קיניגרייך איז דיינס.

איך בין דער קנעכט פון דעם הייליקן, געלויבט איז ער,
וואָס איך טו זיך פאַר אים בוקן
און פאַר דער טייערקייט פון זיין תורה
צו יעדער צייט.

ניׁשט אויף קיין מענטש טו איך זיך פֿאַרלאָזן,
און ניׁשט אויף קיין גאָט'ס-זון לען איך זיך אָן,
נאָר אויף דעם גאָט וואָס איז אין הימל,
וואָרים ער איז דער אמת'ער גאָט,
און זיין תורה איז אמת, און זיינע נביאים זיינען אמת;
און ער גרייסט זיך צו טאָן גוטס און אמת.

אויף אים טו איך זיך פֿאַרלאָזן
און צו זיין הייליקן, טייערן נאָמען טו איך זאָגן אַ לויב.

זאָל זיין דער ווילן פֿאַר דיר,
אַז דו זאָלסט עפֿענען מיין האַרץ אין דער תורה
און זאָלסט דערפֿילן די פֿאַרלאַנגען פֿון מיין האַרץ
און פֿון האַרץ פֿון דיין גאַנצן פֿאָלק ישראל, די אידן,
צום גוטן און צו לעבן און צו פֿרידן, אָמן.

באַמערקונג: די דאָזיקע תפילה איז אַ קאַפּיטל פֿון הייליקן זוהר, פּרשה ויקהל, שצ"ט, וואו פֿאַר איר שטייט אַזוי געשריבן: „ר' שמעון האָט געזאָגט: אַז מ'נעמט אַרויס אַ ספר־תורה צו לייענען בציבור, עפֿענען זיך די טויערן פֿון רחמים אין הימל און ס'ווערט דערוועקט די ליבשאַפֿט פֿון גאָט אויף דעם מענטשן, און ער דאַרף דעמאָלט זאָגן די דאָזיקע תפילה. צ. ש.

שפתי צדק — פון „מעבר יבק״, פרק יז

אַ קול רופט: לייען עס אַלעמאָל, מענטשן-זון
און נעם זיך אַראָפּ אַ מוסר-השכל דערפון.

אין אַ סך ספרים אוממעגלעך איבערצוציילן
טוען די חז״ל אונדז נאָכאַנאַנד דערציילן,

אַז אַ צדיק דאַרף זיך אין גרוים פרייד פאַרגיין,
ווען דער טאָג פון זיין טויט קומט צו אים צוגיין.

ווי אין פסוק שטייט געשריבן און עס איז אָנגענומען,
אַז גאָט ווייסט דעם וועג פון גערעכטן, פון פרומען.

אַז אויף אייביק וועלן בלייבן זייערע פּרוכטיקע גאַרבן
הגם זייער גוף גייט אַוועק ווען זיי שטאַרבן.

אַז פון דער נשמה פון מענטשן ווערט אַ רייטוואָגן פאַר דער שכינה
פאַר די רעכטפאַרטיקע מעשים וואָס ער טוט טאָן בצנעה.

אַז נאָכ׳ן טויט ווערט דער צדיק מיט אייביקייט באַצירט,
ווי ס׳האָט מיט די הייליקע, חנוך און אליהו פּאַסירט.

ווי עס זאָגט די גמרא, אַז איינער שטאַרבט מיט אַ שמייכל
און געלעכטער,
איז דאָס אַ גוטער סימן פאַר אים, אַן עכטער.

והנה טוב מאד — דאָס מיינט מען דעם טויט.

ווען דער גערעכטער גייט אַוועק פון ד ע ר וועלט מיט פרייד,
טוט מען אים באַווייזן זיין גוטן לוין — צוגעגרייט.

און זיין זעל ווערט מיט „חסד״ צוזאַם געשפּייזט,
און ער שלאָפט-איין אין די אָרעמס פון גאָט׳ס הייליקן גייסט.

ווי די מאָרגן־רויט־שטראַלן פון פריען באַגינען
שפּרייזט־אַרום זיין גוטער נאָמען וואָס ער האָט זיך געטאָן פאַרדינען.

און אַלץ וואָס איז געווען פאַר אים פאַרהוילן, פאַרבאָרגן
שיינט פאַר אים איצט אויף ווי די זון אין פרימאָרגן.

אין דער צייט וואָס דער צדיק גייט אַוועק פון דער וועלט
שטייען די מלאכי השרת אין אַ ריי אויסגעשטעלט;

און זיי זאָגן צו גאָט: רבש"ע, צדיק פלוני, דער און דער —
קומט־אָן פון י ע נ ע ר וועלט אַהער.

זאָגט גאָט: זאָל ער קומען אין פרידן און צו אייביקער רו,
און אַלע מלאָכים, זיי הערן זיך צו. —

און עס שטראַלן זיך פאַנאַנדער בונטע שטראַלן פון אצילות
געפלאָכטן פון מעשים טובים, צדקה און תפילות.

און עס גייען אים אַנטקעגן אַלע גערעכטע מענטשן,
און טוען זיין ליבן נאָמען לויבן און בענטשן.

און די צדיקים, וואָס שלאָפן אין אייביקער רו,
קומען אַלע צוגיין און זעען עס צו. —

און דרייערליי כתות פון הייליקע מלאָכים
גייען ביי זיינע זייטן, פאַר אים און נאָך אים.

און דעם גוף פון גערעכטן טוט „שלום" פאַרוועבן,
און זיין זעל ווערט פאַרבונדן אין בונד פון אייביק לעבן.

1) די ראשי־תיבות פון וואָרט יבק זיינען יעננו ביום קראנו.

2) דער מחבר פון „מעבר יבק" איז געווען אַ גרויסער מקובל, וואָס האָט געלעבט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק. זיין נאָמען איז געווען רבי אהרן ברכיה במהו"ר משה ממודינה. אין דער הקדמה צו דער „ראָם" אויסגאַבע (ווילנע, תרפ"ז) פון דעם „געטלעכן הימן צום טויט" שטייט געשריבן אויפ'ן מחבר, וועלכער איז געווען אַ כהן און האָט געהייסן אהרן: „ויעל אהרן הכהן אל או"ר הה"ר בעש"ק, ח' תמוז, שנת שצ"ט. צ. ש.

ז. אנהייב פון גאולה...

און די מעשה האָט נישט קיין סוף...

און די מעשה האָט נישט קיין סוף, זי הייבט זיך אָן:
מ'שערט די שאָף; פאַראַן אַ שעפּסעלע אַ קליינס,
באַליבט ביים פּאַסטוך, איינציק-איינס.

ס'האָט דער פּאַסטוך אַ געצעלט
פאַר'ן שעפּסעלע אויפגעשטעלט —
דאָס לאַנד דאָס שענסטע אין דער וועלט
אים צוגעזאָגט און אויפגעשטעלט.

און ס'איז אַ יום-טוב אויף דער וועלט,
אַ פרייד אין איטלעכנ'ס געצעלט.
מ'טאַנצט, מ'הוליעט אָן אַ סוף —
ס'איז אינמיטן טאָג, מ'שערט די שאָף.

נאָר פּלוצים — חושך, חורבן, שרעק:
דאָס שעפּסל איז אַראָפּ פון וועג.
די זון פאַרגייט, ס'איז שקיעה-שעה,
דאָס ליבע שעפּסעלע — נישטאָ.

שוין אויסגעוועזן אומעטום,
און זיי זוכן זיך אַרום —
דער פּאַסטוך זוכט אויף באַרג און טאָל;
דער שעפּס — ער בענקט, שרייט אויפ'ן קול:

מע, מע, און ווי לאַנג נאָך?
כ'בענק זייער שטאַרק, אַז וויי ז'און אָך!
דאָס קול פון שעפּסעלע — אַרויף, אַרויף —
און די מעשה האָט נישט קיין סוף...

איז ערגעץ־וואו נאָך דאָ אַ שפּאַן?

איז ערגעץ־וואו נאָך דאָ אַ שפּאַן
אויף גאָט'ס גערוימער, גרויסער וועלט,
וואו דער איד האָט ניט געמאַכט אַ פּלאַן
דאָרט אויפצושטעלן אַ געצעלט?

איז ערגעץ־וואו נאָך דאָ אַ שפּאַן
אויף גאָט'ס גערוימער, גרויסער ערד,
וואו זיין סוכה מיט זיין פּלאַן
ליגן ניט פאַרוויסט, צעשטערט?

שוין אויסגעוועזן אומעטום —
אויף וועגן גלייך, אויף וועגן קרום;
דער שעפּס, וואָס בלאָנדזשעט צווישן וועלף
און שרייט צום פאַסטוך: „העלף, אוי, העלף!".

דער טאָג שפּראָצט־אויף אין ווייס־און־בלוי,
די נאַכט ציט־אָפּ ביים מידבר־ראַנד —
דער שעפּס פאַרבענקט, אין טרערן־טוי
קומט־אָן אין צוגעזאָגטן לאַנד . . .

אָ, מאָרגן, דו שטעלסט זיך אַוועק מיר אַנטקעגן

אָ, מאָרגן, דו שטעלסט זיך אַוועק מיר אַנטקעגן
